שנה ד'
נומער 177
**פרשת שלח**
**(קרח בא"י)**
תשפ"ג

# קרית ברסלב בלעטל

## בית הדפוס היכל הקודש אין שטאט בני ברק

### אינעם שטוב פון מו"ה נתן לב הי"ו דערגרייכט צו צוויי מיליאן פרינטס



**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
טאטע איך וויל רעדן צו דיר!



**געדאנקען**
א קאווע מיט א טשיז דעניש

חתונה פון תלמיד הישיבה מו"ה שמעי' וואקס הי"ו - ליל ששי בהעלותך



# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyoimiy@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייןצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
שלח כ"ח סיון תשפ"ג

הדלקת הנרות.........08:17
מוצאי שבת............ 09:48

מנחה מעריב קרח ... 09:30


שפעקולאציעס
סטאטוס לכבוד יום טוב
4


שטעטל נייעס
נייע קימפעטאָרן היים אין שטעטל
6


היכל הקודש נייעס
בית הדפוס בני ברק דערגרייכט צוויי מיליאן פרינטס
8


געדאנקען
א קאַווע מיט א טשיז דעניש
10


מיט א טיפערן בליק
שטיינער פליען
18


די אידישע שטוב
טאטע איך וויל רעדן צו דיר
29



## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה שמעון ניישטיין הי"ו**

**וזוגתו חנה פראדל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל בגשמיות וברוחניות

## ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין שטעטל

**מו"ה מרדכי אינדיג הי"ו**

**וזוגתו מלכה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל בגשמיות וברוחניות

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה לייבי ראטה הי"ו**

**וזוגתו רחל תחי'**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן ער זאל זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט



## בריוו צו די
# רעדאקציע

**יונגע שדכנים!**

א גרויסן שכח פארן הערליכן בלעטל וואס איר גיבט ארויס יעדן איינציגן וואך, עס ליגט אין דעם אזויפיל חיזוק פונעם רבי'ן, אראפגעברענגט אויף א הערליכע וועג. עס דערקוויקט אונז, און גיבט אונז כח אנצוגיין מיט די טאג טעגליכע ארבעט.

איך וואלט געוואלט מיטטיילן מיט די חשובע ליינערס א אינטערעסאנטע מעשה פון א שידוך וואס איז צושטאנד געקומען אויף א ווינדערליכע אופן, וואס דאס קען זיכער ברענגען חיזוק פאר אנדערע צו עוסק זיין אין די הייליגע מצוה פון מאכן שידוכים.

לאה בערגער און מרים ניימאן זענען צוויי נאנטע שכנ'טעס וועלכע וואוינען אין בית שמש (פיקטיוו) און האלטן זיך זייער נאנט, ווען בלויז עטליכע הייזער טיילן אפ צווישן זיי.

מען איז עוסק אין "הפצה" צוזאמען, די קינדער גייען ביי די טירן ערב שבת פארשפרייטן די גליונות און נעמען צאם צדקה.

אזוי ווי דער ראש ישיבה רעדט און טוט אזויפיל פאר בחורים און מיידלעך, וויל לאה אוודאי אויך פרואוון טון עפעס פאר איר עלטערער ברודער, וועלכער איז שוין עלטער און ווארט נאך אויף זיין ישועה, זי טראכט אז איר חבר'טע מרים איז די פאסיגע מענטש צו טראכטן אויף בייפאלן פאר אים. אזוי שמועסנדיג אמאל דערוועגן, רופט זיך מרים אן אז זי האט א בייפאל פון א מיידל אין שידוכים, איר מאמע - וועלכע וואוינט אין וויליאמסבורג האט א שכן משפחת גאטליב, וועלכע האבן א מיידל און זיי ווילן איר שטארק חתונה מאכן פאר די צוואנציג.

איר מאמעס שכן גאטליב האט טאקע א טאכטער וואס שטייט אין שידוכים, אבער זיי האבן נאך פאר דעם א עלטערע ברודער, און טראץ וואס זי וויל נישט לכתחילה גיין פאר איר עלטערער ברודער, אבער אז די תורה זאגט מען דארף חתונה האבן, דארף מען טון וואס די תורה הייסט, האט זי טאקע אויך אויסגעהערט שידוכים אפילו זי האט א עלטערע ברודער.

מען האט טאקע אנגעטראגן דעם שידוך פאר די יונגערע שוועסטער דורך א ערפארענע שדכנ'טע, און יא.

אין א קורצע צייט שפעטער איז די שוועסטער א כלה געווארן און דער בחור האט זוכה געווען צו חתונה האבן נאך פאר די צוואנציג!!

יא! לאה און מרים צוויי יונגע פרויען, האבן ברוך השם געהאט די זכי' צו זיין די ריכטיגע שליחים דערצו.

יעדער יונגערמאן אדער יונגע ווייבל, און יעדער איד וואס קען בחורים אדער מיידלעך - קענען אויך זיין די שליחים דערצו!!!

זאל די חיזוק און תועלת וואס וועט אם ירצה השם ארויסקומען פון די מעשה - זיין א זכות פאר נחמן בן אדל און נתן בן אדל זיי זאלן אינגיכן חתנים ווערן מיט זייער ריכטיגע זיווג, אינאיינעם מיט אלע מיידלעך און בחורים פון כלל ישראל וואס ווארטן נאך אויף זייער באשערטע, אמן.

**א שטענדיגע ליינער פון ארץ ישראל**



# שפעקולאציעס



## סטאטוס לכבוד יום טוב

פאר די וואס קוקן סטערעס... אקעי! זיי דארפן עס פאר פרנסה... זיי וועלן עס אפשר פארשטיין.

און די וואס קוקן עס נישט, זיי האבן פרנסה אן דעם... קען מען היינט האבן פרנסה אן סטערעס?... אדער גאר טאקע דערפאר ווייל זיי קוקן עס נישט.... זאלן זיי כאטשע וויסן וואס זיי פארפאסן... אונזער סטערעס איז גוט פארביידע... ווייל יום טוב קען מען דאך נישט קוקן קיין סטערעס...

א קליינע הקדמה צום יום טוב סטערעס!

וואס איז דאס סטערעס... עס פארט פון זיך אליין, אזוי ווי א רעמאט קאנטראל קאר, עס פארט...

אמאל אז איינער האט געהאט א פעיפער קליפ, ער האט געוואלט עס זאל ארומפארן, האט ער געדארפט דינגען א טראק, דינגען א דרייווער...

העי! עס איז נישט אדר...! על כל פנים... דינגען א דרייווער, און אזוי איז זיין קליפ ארומגעפארן... הע הע הע! דא לאכט מען... היינט אז איינעם פאלט איין סיי וואס, געווענטליך איז עס עפעס קארני'... לייגט ער עס ארויס אויף... נו סטערעס... הע הע הע... נו

וואס איז דאס סטערעס?

קוק! קוק! ווי'?

וואאוו!

טאמפס אפ!

***

ער זינגט דארט!

ואאוו! ווי שיין ער טאנצט!

ס'איז א איד?

גיי ווייס

***

מאמי' דער גוי'

עסט א מזונות ראול

א פחד

די חינוך פון אונזערע קינדער

***

איך האב א וויכטיגע

וויכטיגע מעסידזש

פאר כלל ישראל

כלל ישראל דארף וויסן

***





דא זעט מען

ער האט צוויי קעפ

די קעפ האבן זאקן... שוך...

די קאפ האבן שכל?...

מסתם א קאפ אן שכל..

איי-מינוט

ער שטייט אויף איין פיס

ס'רינדעכיג...

ס'האט האר...

ס'האט אויגן...

א נאז... א מויל...

שכל? אין די פיס? נע!

***

וואוו! דער האט זיך אויפגעריסן

וואו האט ער זיי געטראפן

די אלע צוואנציג מענטשן

אלע מיט פארשטאפטע נעזער

אלע זינגן לכבוד די חתונה

אה! סאיז זיין איינציג קינד פון דעי' ווייב

אההההה!

אז מען האט מעג מען!

***

לעש אויס!

אוי דער בעל הבית איז אריינגעקומען... לאמיר צומאכן דעם סטערעס אפאראט...

איך מוז עס צומאכן לצורך פרנסה...
איך קען דאך נאך פארלירן די פרנסה...

***

אבער לאמיר ארויסנעמען א לימוד זכות אויף אידישע קינדער. דער גוי קוקט סטערעס 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך, א איד קוקט נישט שבת קיין סטערעס, אויך נישט יום טוב.

דאס איז א גוטע תפילה אויף זיך אויסטענה'ן מיט'ן אייבערשטן, קוק ווי דער גלות האט אונז געברענגט, קוק עס האלט שוין נישט ביי עבירות, עס האלט שוין ביי הבל הבלים! און קוק טאטע אין א וועלט פון ריעלס! פון שורטס! פון סטערעס! דאך אידישע קינדער געבן נישט אויף אויף דיינע שבתים, אויף דיינע ימים טובים.

ביים גוי איז דא איין מאל וואס ער שטעלט אפ די סקרין, ווען עס שטעלט זיך אפ די ווײַ פיי קאנעקשן... אבער ווי אנדערש איז אפילו דער סטערעס איד, דער איד וואס איז פארקויפט פאר סטערעס, אבער שבת און יום טוב ווערט אלעס איבערגעריסן, עס איז נישט דא קיין סקרין.

# שטעטל נייעס

## מען גרייט זיך אויף די פרישע זומער סעזאן הבא עלינו לטובה



אין שטעטל רודערט שוין, מען גרייט זיך העפטיג צום פרישן זומער סעזאן, עס ווערט געמאכט הכנות פון אלע זייטן צו אויפנעמען די חשובע געסט וואס גרייטן זיך ארויסצוקומען אויף די זומער וואכן - זיך אביסל אנשעפן מיט פרישע קלאר לופט, צווישן די גראז אוןביימער וואס איז אזוי געשמאק צו שפאצירן צווישן זיי און רעדן צום אייבערשטן.

אינעם "אילן החיים" קאנטרי וואס איז פאריאר געווארן אפגעקויפט פאר די געברויך פון די חשובע משפחות, און פאר די חשובע אינגלעך - ווערט יעצט געבויעט א שיינעם גרויסן בנין, וואס וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף ווערן געניצט פאר די בית המדרש אין קאנטרי, ווי מען וועט דאווענען און לערנען יעדן טאג במשך די זומער טעג.

ביים בנין "היכל ראזענבערג" וואס איז אינטערן צענטראלן בית המדרש אויף האשקי, קומט פאר אין די טעג גאר העפטיגע קאנסטראקציע, עס ווערט שיין אויפגעפיקסט פאר די געברויך פון די חשובע בחורים וואס גייען דארט לערנען און דאווענען במשך די זומער טעג.

אזוי אויך ארבעט מען העפטיג ביים מיידל קעמפ וואס איז אינטערן שטעטל, עס זאל זיין גרייט פארן זומער.

אלע קינדער, בחורים און משפחות, קענען קוים ווארטן ארויסצוקומען און פארברענגן אינטערן שאטן פון נאטור, און זיך דערקוויקן מיטן אייבערשטנ'ס וועלט וואס ער האט באשאפן פאר אונז נאר פאר דעם ציל אז אונז אידן זאלן הנאה האבן און אים אנערקענען אין יעדן מצב.

די שטעטל איינוואוינער ווארטן שוין אויף די לעכטיגע טעג וואס מען וועט האבן די זכי' אז די ראש ישיבה מיט די תלמידים וועלן ארויסקומען אויף זומער און מען וועט הערן די הערליכע דרשות פונעם ראש ישיבה יעדן טאג, וואס ווייזט דעם וועג וויאזוי זיך צו פירן אינעם טאג טעגליכן לעבן.

בלייבט נאר איבער צו בעטן דעם אייבערשטן אז די זומער זאל טאקע אדורכגיין רואיג און געשמאק, מען זאל קענען אויסניצן די זומער טעג ווי עס דארף זיין, און קענען מיט דעם מאכן די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג וואס קומט גלייך נאך די זומער.

## נייע קימפעטארין היים ווערט געבויט אין קרית ברסלב ליבערטי בעזר השם



אין די לעצטע צייט הערט מען פון א פרישע פראיעקט וואס בויעט זיך אין די טעג פאר אנשי שלומינו, דאס איז א פרישע ברסלב'ע "קימפעטארין היים" וואס וועט זיין געווידמעט פאר די טייערע אידישע מאמעס וואס דארפן זיך אויסרוען נאכן האבן א קינד בשעה טובה.

ווי עס שטעלט זיך ארויס איז די פרייזן פון די קימפעטארן היימען זייער הויעך , און עס איז גורם אז זייער אסאך אינגעלייט קענען זיך עס נישט ערלויבן, און די וואס גייען יא, מאכן זיך אן דערפון גרויסע חובות, וואס איז אויך א חורבן פאר זיך. איז אדער קען זיך די מאמע נישט אויסרוען - וואס איז א זאך וואס איז קריטיש וויכטיג זי זאל קענען זיין א געזונט מאמע פאר איר משפחה, אדער פאלט מען אריין אין

חובות - וואס איז ווייטער א גרויסע צרה - עס נעמט אוועק די ישוב הדעת פון א מענטש, מען קען נישט לערנען, דאווענען, און זיין א טאטע פאר די קינדער.

זעענדיג דעם פראבלעם האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן פונעם כהן שדעתו יפה, וואס שטייט צום רעכטן האנט פונעם ראש ישיבה שליט"א אין יעדן פראיעקט מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו, ער זאל אויפזוכן א גוטע פלאץ פאר אזא היים, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז קודם קען מען עס מאכן אויף א קליינעם פארנעם, מען דארף נישט גלייך האבן די גרעסטע פלאץ, און עס דארף נישט ווערן אויסשטאפירט מיט די שענסטע קעניגליכע פורניטשער וואס איז נאר פאראן, דער עיקר עס זאל ווערן אהערגעשטעלט מיט הארץ, עס זאל זיין א ווארימע היימישע ווינקל ווי מען קען זיך אפרוען אין א היימישע סביבה.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז נאך אסאך תפילות האט מען געטראפן ממש א צוגעפאסטע פלאץ צווישן די בערג, ביימער און גראז, אינעם נייעם געגענט אין שטעטל אין א שטילן ווינקל. עס אנטהאלט אין זיך פיר צימערן, דריי סינגל רומס און איין דאבל רום. שפעטער ווען עס וועט אויספעלן איז דא אסאך פלאץ עס צו קענען בעזרת השם אויסברייטערן.

מען האט זיך שוין ברוך שם גענומען צו די ארבעט פון איבערבויען, מען האט אינסטאלירט א קאך מיט אלע וויכטיגע אפליינעסעס, מען בויטע איבער די טוילעטס מיט די שויערס, מען לייגט נייע טיילס, און נאכדעם וועט מען בעזרת השם פעינטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן מרת (אייזיק) אפעל תחי' זי זאל שטיין בראש פון דעם קימפעטארין היים. מרת אפעל תחי' האט א לאנגע הערליכע רעזומעי פון שטיין צו די רעכטע האנט פון די הייליגע מוסדות, נאך זינט די מוסדות האבן זיך געעפענט. אזוי אויך פירט זי אן די חתונה זאל אין ישיבה, וואס איז די איינציגסטע חתונה זאל אין דער וועלט - לויט וויפיל מיר ווייסן - וואס איז גענצליך בחנם פאר אלע מחותנים, מרת אפעל פירט אן יעדע חתונה באזינדער מיט גרויס געטריישאפט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז ער וויל אז די קימפעטארן היים זאל זיין עפארדעבל, אז די אזוי וויכטיגע סערוויס פון זיך אפרוען נאך א קינד זאל נישט פאר'חוב'נען די משפחה, דערפאר וויל דער ראש ישיבה אז דער היים זאל אפערירן דורך געטרייע הארציגע וואלונטירן, וואס וועלן קומען כסדר און זיך אפגעבן מיט די קימפעטארנס, קאכן, וואשן, רוימען און זיכער מאכן מיט הארץ און געפיל אז זיי קומען צו די כחות. די הארץ פון די אידישע פרויען איז א זאך וואס מען קען נישט קויפן פאר קיין געלט אויף דער וועלט.

מען זעט די סייעתא דשמיא אויף טריט און שריט, צום ביישפיל וויאזוי מען האט געטראפן דעם נורס וואס וועט זיך אפגעבן מיט די קינדערלעך: איין טאג איז א פרוי צוגעקומען צו א פרוי מאנשי שלומינו איינקויפענדיג אין א לאקאלע געשעפט זיך פארשטעלנדיג אלס א נורס און געזאגט אז זי האט געארבעט אסאך יארן ביי "אם וילד" קימפעטארין היים, און געזאגט אז זי זוכט א דזשאב. די זעלבע זאך שפילט זיך אפ מיט די ריזיגע געלטער וואס עס קאסט איבערצובויען. מען נוצט די וואלוטע וואס הייסט "תפלה", מען בעט דעם אויבערשטן און ברוך השם אלעס ווערט געדעקט.

דער היים פארמאגט אין הויף א הערליכע גארטן מיט ביימער און בלומען ווי די פרויען וועלן זיך קענען ארויסזעצן אונטער די שאטן פון די ביימער אין די שיינע וועטערס, אזוי אויך וועט עס האבן אינעווייניג א הערליכע "גלאז צימער" ווי מען וועט קענען זיך אפגעבן מיט די בעביס, זיך אפרוען און פארברענגען אינעווייניג.

מיט תפילות וועט דער אויבערשטער העלפן אז דער נייער קימפעטארן היים וועט שנעל פארטיג ווערן, צו אלעמענס צופרידנהייט.

## "מעשה'לעך פאר קינדער #1" ביכל אין ענגליש שוין דא צו באקומען



פון בית הדפוס קרית ברסלב הערט מען די גוטע נייעס אז עס איז ברוך השם אנגעקומען דער ערשטער שיפמענט פון די נייע ביכל אויף ענגליש וואס טראגט דעם נאמען "Little Stories for Little Souls".

דער נייער ביכל אנטהאלט צען מעשיות, פול מיט חיזוק אויף אמונה, תפלה, אמונת צדיקים, טון מצוות ומעשיות טובים לעובדה ולמעשה, שמירת עינים, מידות טובות, תמימות און נאך, וואס דער ראש ישיבה האט אליינס געשריבן אויף אידיש, אריינלייגענדיג דערין פילע מעסעדזשעס פון יראת שמים וואס וועט אריינגיין אין די קינדער נאך אין די וויגן, און וועט מיטוואקסן מיט זיי אלע זייערע יארן. דער ביכל אויף ענגליש איז גאר פאכמאניש איבערגעטייטשט געווארן דורך מרת מענדלאוויטש תחי', וואס האט געמאכט גאר א גוטע ארבעט.

צו באקומען ביים קרן הדפסה, און ביי די מפיצים.

# היכל הקודש נייעס

## בני ברק

### בית הדפוס בני ברק אין שטוב פון מו"ה נתן לב הי"ו דערגרייכט צו צוויי מיליאן פרינטס



אפאר וואכן צוריק האבן מיר געהאט באשריבן פון די באקאנטע בית הדפוס אין שטאט בית שמש וואס איז אנגעקומען צו 2 מיליאן פרינטס. יעצט הערט מען פון דעם בית הדפוס אין שטאט בני ברק, אז אויך דארט האט מען דערגרייכט אין די טעג צום גרויסן נאמבער 2 מיליאן.

די דרוק איז אינעם שטוב פון מו"ה נתן לב הי"ו וואס האט אריינגעשטעלט די מאשין אינעם שבת שטוב, דאס איז זיין פורניטשער אינעם שבת שטוב, עס באשיינט די שטוב, די גאנצע שטוב לעבט מיט דעם דרוק, די קינדער האלטן מיט יעדע וואך ווי אזוי די טאטע גיבט זיך אוועק פאר אנדערע, אז זיי זאלן אויך וויסן פון די לעכטיגע עצות פון רעדן צום אייבערשטן, לערנען תורה, און אזוי ווייטער.

יעדע וואך ווערט געדרוקט די גליון היכל הקודש, עצתו אמונה, גליון שיעורי חינוך, בית נצחי, קרית ברסלב בלעטל, און דאס ווערט צושפרייט ארום די גאנצע שטאט, דורך די חשובע מפיצים פון אנשי שלומינו וואס טוען דאס בחפץ לב כדי צו מזכה זיין אידישע קינדער מיט די ריינע אמונה.

לעצטענס האט מען באשטעלט א פרישע שיפמענט פון פאפיר, נאכדעם וואס די פריערדיגע האט זיך שוין ברוך השם אויסגענוצט.

די זכות פון דרוקן און צושפרייטן די עצות פון הייליגן רבי'ן איז גאר גרויס, און דאס טוט זיכער היטן דעם מענטש פון אלעם שלעכטס.

דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעם גוטס, ער זאל זען אסאך נחת ביי יעדן קינד באזונדער.

## קרית יואל

### הערליכע נייע סיין באצירט בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל



בית המדרש היכל הקודש אין קרית יואל אויף 8 העיס קארט, גייט שוין אן פאר לאנגע יארן.

אנגעפאנגען האט זיך עס אין די דיינונג רום פון מו"ה אברהם חיים פארקאש שליט"א וואס האט אריינגענומען אנשי שלומינו כדי מען זאל האבן א ווינקל ווי מען קען רעדן דעם רבי'נס דיבורים, אויף די וועג וויאזוי מוהרא"ש לערנט אונז. און שפעטער האט ער אוועקגעגעבן דעם אויבערשטן שטאק וואס איז געווען א דירה, און מען האט דאס שיין אהערגעשטעלט פאר א בית המדרש.

ביז פאר צוויי יאר צורק איז געווען ארויסגעלייגט א גרויסע שיינע סיין מיט די ווערטער "בית המדרש היכל הקודש, בנשיאות כ"ק מוהרא"ש". מיט א שיינע ברסלב'ע קרוין, וואס האט צוגעוויזן אלע דורכגייער אז דא איז א ווינקל ווי מען קען באקומען חיזוק אויף תורה, תפלה, שלום בית און אזוי ווייטער.

דאן האט א שטורעם דורכגעריסן קרית יואל, וואס האט דאן אומגעווארפן פילעביימער אין שטאט און האט אנגעמאכט אסאך שאדענס. אויך איז דער סיין אראפגעריסן און צעבראכן געווארן.

אין די לעצטע צייט האבן די גבאים זיך אריינגעלייגט איבערצובויען דעם בית המדרש, עס פארגרעסערן, און איבערפרישן, האט מען דאן באשלאסן אז עס איז אויך יעצט די צייט אז די סיין זאל ווערן צוריק באנייט. ברוך השם אז לכבוד שבועות האט שוין דער נייער סיין באשיינט די ווענט אינדרויסן פון בית המדרש און געלאזט וויזן לכל עובר ושב אז דא קען מען זיך דערקוויקן מיטן הייליגן רבינ'ס דיבורים.


גארטל'ט
אייך
אונטער
אנשי
חיל
פרטים יבואו
sruliheskel@gmail.com

# א קאווע מיט א טשיז דעניש



משה ארי' שניטצלער

איך ווייס וואס דו טראכסט.

כ'מיין צו זאגן, איך ווייס איין זאך וואס דו טראכטסט "נישט" יעצט.

כ'ווייס אז דו טראכסט "נישט" פון שבועות יעצט, אבער איך מוז שרייבן פון די טשיזקעיק. איך לייד פון א טשיזקעיק אבסעסיע, מ'רופט עס "או סי די" (אבסעסד וויט טשיזקעיק ענד דעלקעלעך)

ווער ס'ווערט דייאגנאוזד מיט דעם קרוכט נישט אזוי שנעל ארויס דערפון.

דער רבי' זאגט, א מענטש איז אין א מלחמה, ס'גייט קלעפ אויףביידע זייטן, נאר מיין תפקיד איז, אז איך זאל זיין דער וואס געט דעם לעצטן קלאפ. נאך איינמאל בעטן דעם אייבערשטן, הייליגער באשעפער, איך בעט דיך גלייב מיר, אז עכט וויל איך יא זיין גוט.

אזוי גייט עס מיט די טשיזקעיק אבסעסיע, איין טאג דייעט, איין טאג טשיזקעיק, אבער ביים סוף וועל איך מצליח זיין מיט די דייעט, איך גיי עסן וואס איז געזונט פאר מיר, איך גיי אנהייבן נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל און נאכאמאל.

ביי אונז רופט מען די טשיז קעיק, די "שלום בית קעיק".

פארוואס? פשוט, ס'פאסט נישט פאר אזא שיינע איד ווי איך, צו זאגן מ'זאל ברענגען נאך א סלייס טשיז קעיק, ס'קען נאך שאטן פאר שידוכים!

(ס'איז געווען איינער וואס האט געווארנט זיין ברודער ער זאל נישט ארייגלייגן זיין זון אין ברסלב ווייל ס'קען שאטן פאר שידוכים, און ווען ער איז געווארן א חתן נאך פיר וואכן אין ברסלב, זאגט אים זיין ברודער, זעסט, ס'איז נישט נארמאל! א שידוך מוז זיך ציען זעקס חדשים! און דא גייט עס בליץ שנעל! איטס מאממממעש נאט נארמל!!! אנהערד אוו!!! ווער ווייסט וואס נאך מ'גייט טון דארט אין ברסלב! באלד וועט זיין חתונות אינגאנצן אומזיסט! אן חובות!!!.... אנבעליוועבל!! דיס איז טערררריבל!)

נאך א טעם פארוואס ס'הייסט "שלום בית קעיק", על שם די ווייס און שווארצע רינדעכיגע טשאקלעד באלי'ס וואס שפאצירן אויפ'ן דאך פון די טשיזקעיק.

וואס האט די ווייס און שווארצע באלי טשאקלעד מיט שלום בית?

לעצטע וואך קאלט מיך א אינגערמאן און פרעגט מיך, וואס טו איך? מיין הויז איז פיצל, איך מוז מופן, איך זאג לעיקוואד, ס'איז ביליגער, מיין ווייב זאגט מאנסי, ס'איז בא'טעמ'טער, וואס טוט מען? זאג איך אים, וואס הייסט וואס מ'טוט? מ'עסט טשאקלעד!

אבער וואס טו איך למעשה? למעשה עס טשאקלעד! למעשה, אז דו וועסט דיך טענה'ן טאג און נאכט, וועסטו נישט וואינען נישט אין לעיקוואד און נישט אין מאנסי, נאר דו וועסט וואינען אין א צוקוועטשטע מח, אז די מח איז צוקוועטשט וועט דיר גארנישט העלפן.

טענה'רייען און "איפווייזן קלאר אז מיין וועג איז די וועג" איז א זוי'ערע אומווירקזאמע וועג. ס'ארבעט נישט, ס'קאסט צייט און בלוט, דיין ענערגיע גייט ארויס און קיין רעזולטאטן זעט מען נישט.

וואס יא? ביידע זאגן וואס זיי האלטן איז גוט פאר זיי, און וואס טוט מען? א. מ'עסט טשאקלעד, ב. מ'בעט דעם אייבערשטן, באשעפער העלף איך זאל זיין איבערגעגעבן אין דיינע הענט





ווי א קינד וואס איז איין טאג אלט, באשעפער העלף איך זאל זיין בטל צו דיר, גארנישט ווילן, ג. מ'טענה'ט זיך אויס אין די נושא פון טשאקלעד.

איך האלט פון שווארצע טשאקלעד! זי האלט פון ווייסע טשאקלעד! מ'זעט נישט קיין וועג ארויס!

איך גיי מוותר זיין! איך גיי עסן דיין ווייסע קאליר טשאקלעד! איך בין א שטיק גוטסקייט! א שטיק וותרנות! א שטיק סבלנות! א שטיק הארץ!

יא, ביי טשאקלעד בין איך מוותר! ס'קומט מיר א קניפ אין בעקל! אבער קודם האט מען פארגעסן פון לעיקוואד שמעיקוואד מאנסי שמאנסי, מ'מאכט פריילך און פארטיג.

אבער סיריעסלי! דו ווילסט מיר זאגן אז א ברסלב'ער האט אייביג כח צו מוותר זיין? געט ריעל! זאג מיר ווי אזוי קען זיין אזא זאך?! א מענטש איז דאך נאר א מענטש! א מענטש פארלירט זיך אמאל! וואס איז די סיקרעט? זיי אפן מיט מיר!

איך וועל זיין אפן! א ברסלב'ער האט נישט קיין כח צו מוותר זיין! מ'מוז כסדר נעמען נייע ענערגיע!

ביסט גערעכט! א מענטש קען פלאצן! ס'מוז זיין עפעס א סיקרעט!

די סיקרעט איז אז מ'מוז איינעמען "פון די רינדעכיגע".... מ'מוז איינעמען נערוון פילן! אז נישט פלאצט מען!

די נערוון פילן וואס ארבעט גאר שטארק און מ'זעט אימידיעט ריזאלטס, איז שמחה און משניות.

איידער דו ביסט מסביר פאר דיין ווייב, צום צענטן מאל, אז זי האט יא די חסרון פון זיך באליידיגן ווען איר מאן פארשעמט איר ווי א שטיק שמאטע, גיי שנעל צום פריזער וואו די טשאקלעד ליגט, מאך א ברכה שטייט און הויך, שהכל נהי' בדברו (אויף אידיש מיינט עס, אלעס איז פון דעם אויבערשטן) כאפ אריין איינס פון די שווארצע און איינס פון די ווייסע, יעצט לויף צו די משניות מיט לייטס ענד סיירין'ס, און זאג שנעל איינס צוויי פרקים אז דאס זאל מאכן ס. פי. אר. אויף דיין נשמה וואס איז נעבעך אזוי גערעכט אזוי אינגערהייט! וואס וועסטו טון ביי די אכציג?! דיין גערעכטיגקייט דעמאלטס וועט זיין ממש אומזיסטע ענטערטעינמענט פאר די שכנים ביז דרייצן מייל אוועק! האב רחמנות בעוד מועד!

אז מ'קוקט אריין אין רש"י הקדוש און אין דברי חז"ל זעט מען אז די אידן אין מצרים האבן געהאט א ביטער שווערע לעבן, דער מאן איז אהיים נאך א שווערע טאג ארבעט, ער איז דאך געווען אזוי גערעכט, ער האט געארבעט אזוי שווער, למעשה, גערעכט אהער גערעכט אהין, מ'האט זיך גענומען צו די טשאקלעד, (ס'מוז נישט זיין טשאקלעד, ס'איז סיי וואס פארא עסן, וואס קען מאכן פריילך און זיך פארגעסן פון די שוועריגקייטן אין לעבן פאר אפאר מינוט. גראדע שמועסט רש"י הקדוש פון קליינע פישעלעך.) און מ'האט געגעסן און געטרונקען ביז מ'האט פארגעסן אז מ'האט היינט געהאט א גיהנום ביי די ארבעט.

אבער וואס הייסט "באשעפער העלף איך זאל גארנישט ווילן"? עס קומט צו א פוינט וואס איך דארף מאכן א דעסיזשן!

אויב דו קומסט צו א פוינט וואס דו ווערסט באצווינגען צו מאכן א דעסיזשן, דעמאלטס מאך א דעסיזשן! נאר טו עס מיט תפלה פארדעם און נאכדעם.

באשעפער איך מוז מאכן א דעסיזשן, העלף מיר איך זאל מאכן די ריכטיגע דעסיזשן.

מיין טייערע ווייב, מע'גיימער אויף מאנסי, איך וויל דו זאלסט זיין העפפי!

און זי זאגט צוריק, אבער ס'איז דאך ביליגער אין לעיקוואד!

זאגט ער, אז מ'איז מכבד די ווייב קומט אריין א שפע.

מארגן קומט זי אהיים אז די בעסטע פרענד האט א דריטע קאזן וואס וואינט אין לעיקוואד און זי זאגט אז "לעיקוואד איט איז!"

מ'פארט קיין לעיקוואד! אין זכות פון זיך נישט טענה'ן ווי א קליינע (גרויסע, דריי הונדערט פונטיגע) בעיבי.

דאס איז נישט קיין דזשאוק! דאס האט מוהרא"ש דערציילט!

מוהרא"ש פלעגט עס דערציילן אזוי: א פארפאלק שפאצירט אויף דרייצנטע עוועניו, זי זעט א קליידער סטאר, זי דערמאנט זיך אז זי דארף א קלייד פאר די חתונה פיר וואכן ארום.

ער זאגט איר גיי אריין, זע וואס איז דא!



זי קומט צוריק אז ס'איז דא א קלייד פאר בלויז אכט מאות! זאגט ער אודאי! זאגט זי, דו האסט דאך נישט דא קיין אכט מאות, זאגט ער ביז א טאג צוויי וועל איך עס האבן.

זיי שפאצירן ווייטער, זי האט שוין (כמעט....) אנגעטון די נייע קלייד, זי טרעפט א פרענד און פרעגט איר אויב זי האט ליב די קאלער פון איר נייע קלייד......

איר פרענד זעט ווי פריילעך זי איז, הייבט זי אן טראכטן אז זי גייט דאך אנגעטון סטאנינג!!! די קאלער פון דיין (נייע) קלייד איז עפעס אוט אוו דהיס ווארלד!

אוי וואס שמחה קען.......

פלוצלונג זעט מען א סטאר פון עלעקטראניקס.

זאגט זי, איך דארף א נייע מייקראוועיוו, כ'האב טאקע א מייקראוועיוו אינדערהיים, אבער איך מוז האבן די נייע, וואס מ'לייגט אריין די פאטעיטע'ס און ס'שיילט עס און סע'שניידט עס און סע'לייגט ארויף סוי סאוס און א טשיקן באדעם און סע'פיטערט די קינדער און סע'לייגט זיי אין וואנע און ס'באדט זיי און סע'טוט זיי אן און סע'לייגט זיי אין בעט און סע'דערציילט זיי א מעשה און סע'זאגט זיי איי לאוו יו סאו מאטש און סע'קושט זיי און סע'וועקט זיי אויף ניין שעה שפעטער און סע'שיקט זיי אין חדר און סע'שרייט ביי די חדר-באס הויך אז די גאנצע בלאק זאל הערן "איי לאוו יו סאו מאטש".

זאגט ער, אודאי מוז מען עס קויפן.

מ'שפאצירט אריין, וויפל קאסט עס? צוויי הונדערט. זאגט ער, יא, מ'קויפט עס. דו האסט דא צוויי הונדערט טאלער? ניין. איך גיי ברענגען פונדערהיים.

ביזדערוויל זעען זיי נאך א צוויי דריי פיר פינף זעקס זאכן וואס זי דארף. ער זאגט יא. זי זאגט קודם לאמיר זען נאך איין סטאר. פלוצלונג דארף זי א קאפי, זאגט ער לייג צו א טשיז דעניש מיט צוויי פאלאטשינטא און דריי מאצערעלא סטיקס און דערנאך וועל מיר ענדיגן מיט א הארטע קארן מאפן אנצוהייבן די דייעט אין א מזל'דיגע שעה.

לאמיר מאכן א סך הכל. ער האט אויסגעלייגט א צוואנציגער אין די פיצא סטאר, זי האט (כמעט..... ) א קלייד פון אכט מאות, א מייקראוועיוו וואס געט פאר די קינדער ליבשאפט און פאטעיטעס מיט פלייש, און נאך פיר פינף זאכן וואס זי האט כמעט געקויפט און מ'גייט אהיים פריילעך און צופרידן.

אבער דער וואס האט נעבעך נישט קיין ערליכער איד וואס רעדט יעדן צווייטן טאג פון די וויכטיגקייט פון שלום בית, ער צוהאמפערט זיך ביים ערשטן סטאר, ביידע בלאזן, ער מוז אראפלייגן געלט פאר א קלייד, און די לעבן איז זויער, ווייל ער איז איר מסביר מיט זיין מעכטיגן כח ההסבר אז ס'פעלט נישט אויס.

מוהרא"ש פלעגט אונז כסדר דערציילן די מעשה צו געדענקען אז ווי מער מ'טענה'ט זיך דערלייגט מען, ווי שענער מ'רעדט געווינט מען.

(יא, נישט פארגעסן, כ'האב געמוזט אביסל באפיצן די מעשה מיט זאלץ און פעפער, אבער מוהרא"ש האט אלץ דערציילט די מעשה ווי די פארפאלק שפאצירט און ער זאגט איר אלעס צו און מ'ענדיגט אין פיצא סטאר פאר צוואנציג דאלער, און דער וואס טענה'ט, באצאלט א טויזנטער און האט נישט גארנישט!)

אבער ס'איז אמת אז מ'פארלירט אט אט די כוחות! צוויי מענטשן מוזן האבן דיפערענצן! און מ'מוז האבן פון וואו צו שעפן פרישע כוחות צו מוותר זיין, נאר זאגן משניות געט די כח! נאר רעדן צום אייבערשטן געט כח פאר א מענטש.

בס"ד

# ועתה כתבו לכם את השירה הזאת

## געציילטע זכותים פארבליבן

ועד
**כתיבת ספר תורה**
לע"נ מרן מוהרא"ש זי"ע

ע"י קהל אנשי שלומנו

חסידי ברסלב תלמידי היכל הקודש

ועתה כתבו לכם את השירה הזאת

### די לעצטע פארבליבענע פרשיות

| | | | |
|---|---|---|---|
| תצוה | מצורע | בחוקתי | מסעי |
| ויקהל | אחרי | בלק | ראה |
| פקודי | בהר | מטות | כי תצא |

## נאך פערצן עמודים געבליבן



**האנדלט איך היינט אין א אייביגע זכות:**

פארבינדט איך מיט מוה"ר שבתי מארקוס הי"ו

347.735.9688

פרשה
$1200

עמוד
$500

מ'קען באצאלן מיט פעימענטס

sruliheskel@gmail.com



# מעשיות פון תפילה

## פנחס דוד וועבערמאן - קרית ברסלב:

**א)** מיין ווייב'ס טעלעפאון האט זיך פארלוירן, מיר האבן זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל עס טרעפן ווי שנעלער, שכח אייבערשטער אז נאך אביסל זוכן האט מען עס געטראפן.

**ב)** אויפן וועג אהיים פון די חתונה פון מיין ברודער נחמן יואל נרו יאיר האט זיך מיין GPS אויסגעלאשן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך צוריק אנצינדן ווי אמשנעלסטן כדי צו וויסן וואו צו פארן, שכח אייבערשטער עס האט זיך צוריק אנגעצינדן.

## נחמן שמואל יאקאבאוויטש - קרית ברסלב:

איך האב מיך געגרייט ארויסצופארן צו א חתונה מיט די גאנצע משפחה. מען האט יעדן געמאכט גרייט, אנגעטון די קליידער, אנגעטון די שיך, אבער אינמיטן זעט מען אז איין שיך פעלט, וואס טוט מען דא?

מען הייבט אן צו זיכן אבער מען טרעפט דאס נישט. ביז מען האט אפגעמאכט אז אן תפילה וועט דאס נישט גיין. מען האט זיך גענומען בעטן דעם אייבערשטן מען זאל טרעפן די שיך, כדי מען זאל קענען ארויספארן צום חתונה און אנקומען באצייטענס. אויך האט מען צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה.

שכח אייבערשטער אז נאך אפאר מינוט האט מען עס געטראפן, טאקע דארט אויף די זעלבע פלאץ ווי עס ליגט געווענליך.

## בערל שניטצלער - קרית ברסלב:

איך בין געגאנגען צו א דענטיסט אפוינטמענט, און ווי אלע וויסן איז די דענטיסט נישט קיין גרינגע זאך, עס קען מאכן טשילס און אזוי ווייטער, אבער אז מען דארף גיין פאררעכטן די ציין האט מען נישט קיין ברירה.

אבער בעטן דעם אייבערשטן קען מען דאך, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די גאנצע צייט פון פאררעכטן די ציין זאל עס נישט וויטון און עס זאל נישט מאכן קיין טשילס, שכח אייבערשטער עס איז אדורך אן קיין ווייטאג און אן קיין טשילס.

## יואל טייטלבוים - קרית יואל:

איך האב געדארפט גיין אין שפיטאל מבקר חולים זיין א איד. דעם ערשטן טאג וואס איך בין געגאנגען האב איך באקומען אזא צעטל אז איך קען אריינקומען אין שפיטאל.

דעם קומענדיגן טאג קום איך אן און זיי זאגן אז עס איז שוין נאך די וויזיטינג שעות, מען קען נישט יעצט אריינגיין.

איך נעם ארויס די צעטל פון נעכטן אז איך מעג אריינגיין, אבער עס העלפט נישט. גיי איך צו א צווייטע טיר, אפשר דארט וועט עס העלפן אריינצוגיין, אבער יענער ערל האט מיר אויך נישט געלאזט אריינגיין. גיי איך צו א דריטע טיר אבער דארט האט מען מיר אויך נישט געלאזט אריינגיין.

ביז איך דערמאן מיך אז גארנישט וועט מיר נישט העלפן נאר תפילה! איך הייב אן בעטן דעם אייבערשטן "הייליגע באשעפער העלף מען זאל מיר אריינלאזן צו קענען גיין באזוכן דעם איד וואס זיצט דא אין שפיטאל און ווארט מען זאל קומען אים באזוכן". נאכן בעטן דעם אייבערשטן בין איך צוריק געגאנגען צום ערשטן טיר און איך ווייז אים דעם זעלבן צעטל וואס איך האב פריער געוויזן און... ער זאגט מיר "גיי אריין".

שכח אייבערשטער!

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשע״ו לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן צִי פָארְן אִין קָאנְטְרִי אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ צִי נִישְׁט, עֶס קוּמֶען פָאר דֶעבַּאטֶעס אוֹיף דֶעם צִי מֶען זָאל יָא פָארְן אִין קָאנְטְרִי צוּ מֶען זָאל נִישְׁט פָארְן; עֶס אִיז זִיכֶער כְּדֵי פַאר עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער צוּ פָארְן אִין קָאנְטְרִי, עֶס אִיז גֶעזוּנְט סֵיי פַאר דִי קִינְדֶער אוּן סֵיי פַאר דִי עֶלְטֶערְן, סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת, דִי קִינְדֶער קֶענֶען אַבִּיסְל לוֹיפְן אוּן טַאנְצְן אוֹיף דִי פְרֵייעֶ לוּפְט, אוּן וֶוער עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין קָאנְטְרִי וֵוייסְט אַז **דִי קִינְדֶער חָלוֹמ׳עֶן אַ גַאנְץ יָאר פוּן קָאנְטְרִי**; הַלְוַאי וֶוען מֶען וָואלְט שׁוֹין גֶעקֶענְט אַרוֹיסְפָארְן גְלַייךְ נָאךְ פֶּסַח אִין קָאנְטְרִי, אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי שְׁטָאט, וָואס דִי גוֹיִם פִירְן זִיךְ אוֹיף מַמָּשׁ וִוי דִי חַיּוֹת הַיַּעַר וְכוּ׳, אוּן גֵייעֶן אוֹיסְגֶעטוֹן וְכוּ׳, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, **אַז עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן מוֹהֲרָא״שׁ צִי עֶר זָאל פָארְן אִין קָאנְטְרִי צִי נִישְׁט**, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא״שׁ אַז עֶס קָאסְט אִים זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט, שְׁוֶוערֶע טוֹיזֶענְטֶער דָאלֶער, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, קוֹים וָואס עֶר קֶען דוּרְכְשְׁטוּפְּן דֶעם טָאג, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן מוֹהֲרָא״שׁ וָואס עֶר זָאל טוּהן? אַנְשְׁטָאט מוֹהֲרָא״שׁ זָאל אִים זָאגְן עֶר זָאל בְּלַייבְּן אִין שְׁטָאט, אוּן עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס, עֶס אִיז אִיבֶּעְרִיג, מוֹתְרוֹת, נַארִישְׁקֵייטְן, הָאט אִים מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: ״אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט קִינְדֶער מוּז פָארְן אִין קָאנְטְרִי, גֵיי בָּארְג גֶעלְט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע״.

אִינְגֶעלַייט קוּמֶען מִיר פְרֶעגְן זֵייעֶרֶע שְׁאֵלוֹת; אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט, אִיךְ קֶען נָאר עֶנְטְפֶערְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אוּן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט; אַ אִינְגֶערְמַאן לֵייגְט זִיךְ אַוֶועק אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער, פַארְוָואס זָאל עֶר דָאס נִישְׁט נוּצְן פַאר דִי גֶעזוּנְט פוּן זַיין וַוייבּ, פַאר דִי גֶעזוּנְט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר זַיין גֶעזוּנְט?!

בְּלַייבּ מִיר גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע, עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע זוּמֶער, **אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען אַרִיבֶּערְכַאפְּן אִין קֶעמְפּ פַאר אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה אָדֶער אַ שִׁיעוּר**, וֶועלְן מִיר זִיךְ זֶען אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם.

**אַ גוּטְן טָאג.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט״א



## זמירות שבת קודש

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן זינגען זמירות הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** זע צו זינגען שבת די זמירות; אלע מלאכים ווארטן צו הערן ווי א אינגערמאן קומט אהיים פון שול און זינגט שיין די זמירות; דיין ווייב און קינדער וועלן זייער הנאה האבן פון א שיינע סעודה.

א איד איז געקומען צו הרב וואזנער זכרונו לברכה, און זיך אויסגעגאסן זיין הארץ אז ער איז אראפגעפאלן אין שמוציגע עבירות, און ער פרעגט אים וואס ער זאל טון, און ער זאגט פאר הרב וואזנער: ״וואס דער רב וועט מיר זאגן וועל איך טון, אבער דער רב זאל מיר געבען א תיקון״. הרב וואזנער איז בלאס געווארן, ווייל ער האט נישט געקענט צו זיך קומען פון וואס דער איד פארציילט, און ער זאגט אים: ״איך געב דיר א תיקון, אז יעדע שבת זאלסטו זינגען אסאך זמירות ביי די סעודות״. דער איד האט געמיינט אז דער רב מאכט פון אים שפאס, אבער ער איד האט געפאלגט הרב וואזנער און ער האט זוכה געווען זיך ארויסצודרייען פון זיין בלאטע וכו׳.

מאך פרייליך דיינע קינדער, און זינג מיט זיי: ״גוטע נאש מען ברענגט אריין, די טאטע הייבט אן מסביר זיין, אז רעדן צום באשעפער איז די בעסטע זאך, אויב רעדט מען צום באשעפער באקומט מען יעדע זאך״.

# א מעשה
## פון א צדיק

### דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען חוּמָש רַשִׁ"י

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט חוּסְט, וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם אִיז גֶעוֶוען רָב.

דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ יְשִׁיבָה פוּן עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים, אוּן דֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם.

דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל בַּאזוּכְן זַיין יְשִׁיבָה, עֶר זָאל זֶען וִוי פְלַייסִיג זֵיי לֶערְנֶען, אוּן וִוי עֶרְלִיךְ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף.

רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יְשִׁיבָה זֶען דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעפְרֶעגְט: "נוּ, וָואס זָאגְט אִיר אוֹיף מַיינֶע בָּחוּרִים?" הָאט אִים רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!"**

הֶערְנְדִיג דָאס אִיז דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט, וִוי אַזוֹי קֶען זֵיי אַזַא זַאךְ? אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע: "רֶבִּי, פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַזוֹי?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"וַוייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָש רַשִׁ"י!"**




דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם. הָאט עֶר נָאכְגֶעפָארְשְׁט בַּיי זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיבּ זֵיי עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָש רַשִׁ"י, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז נִישְׁט, וַוייל דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פַארְהֶער פְלֶעגְט פָארְקוּמֶען פְרַייטָאג צוּפְרִי, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען קַיין צַייט וֶוען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

הָאט שׁוֹין דֶער עֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם פַארְשְׁטַאנֶען אַז רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע וֵוייסְט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין זַיין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל פַארְהֶערְן זוּנְטָאג, אוּן מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָש רַשִׁ"י.

(עצתו אמונה בהעלותך תשע"ט)





# דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס
# לֶעבְּנסְגֶעשִׁיכְטֶע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- ל"ו -

**פארזעצונג פון פריער:** דֶער נָאמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הוֹיבְּט אָן בַּאקַאנְט צוּ וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, פִּילֶע אִידְן הֵייבְּן אָן פָארְן צוּ אִים, אוּן וֶוערְן דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

* * *

אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן וִוינְטֶער הָאט מֶען גֶערוּפְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ אַ בְּרִית אִין דָארְף אַלֶכְּסַנְדֶערִיְוּוקֶע, וָואס אִיז נֶעבְּן אוּסְיַאטִין, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַהִינְגֶעפָארְן. בַּיים בְּרִית אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין בִּיטֶער הַארְץ וֶועגְן זַיין טָאכְטֶערּ, אַז אַ גוֹי הָאט אִיר צוּגֶערֶעדְט אַז זִי זָאל זִיךְ שְׁמַד'ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דֶערְנָאךְ אִיז דִי טָאכְטֶער פַארְשְׁווּאוּנְדְן גֶעוָוארְן, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ זִי גֶעפוּנְט זִיךְ. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גְלַייךְ גֶעזָאגְט אַז זַיין טָאכְטֶער אִיז בַּיים אָרְטִיגְן גַלַח.

דֶער אִיד הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלוֹיבְּן, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט זֵייעֶר אִין גוּטְן מִיטְ'ן גַלַח, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן אַז דֶער גַלַח זָאל טוּן צוּ אִים אַזַא פַארְבְּרֶעךְ. אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס עֶר קֶען יֶעצְט טוּן, וִוי אַזוֹי קֶען עֶר אִיר צוּרִיק אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען פוּן גַלַח'ס הוֹיז. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גְלַייךְ נֶעמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן מִיט אַ וִוינְטֶער-וָואגְן, וָואס אִיז גֶענְצְלִיךְ פַארְמַאכְט, אוּן פָארְן צוּם גַלַח'ס הוֹיז, אוּן זַיין טָאכְטֶער וֶועט שְׁטֵיין דָארְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן הוֹיז, אוּן זִי וֶועט גְלַייךְ מַסְכִּים זַיין אַהֵיימְצוּקוּמֶען מִיט זֵיי אוֹיפְ'ן וָואגְן.

דֶער אִיד הָאט גֶעפָאלְגְט אוּן גְלַייךְ אַזוֹי גֶעטוּן, סְ'אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַלֶעס אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט, אוּן דִי טָאכְטֶער אִיז צוּרִיק אַהֵיימְגֶעקוּמֶען.

אִינְצְוִוישְׁן זֶענֶען דִי אָרְטִיגֶע גוֹיִם גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר בֵּייז אַז מְ'הָאט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט דִי אִידִישֶׁע טָאכְטֶער פוּנֶעם גַלַח'ס הֶענְט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען מִיט הֶעק אוּן שְׁטֶעקֶענֶעס, אוּן הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מַאכְן אַ פָּאגְרָאם קֶעגְן דִי אִידְן.

דֶערְוַוייל אִיז דֶער רֶבִּי נָאךְ גֶעזֶעסְן בַּיים סְעוּדַת בְּרִית, אוּן דִי דֶערְשְׁרָאקֶענֶע אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען לוֹיפְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶערְצֵיילְט וָואס דָא גֵייט פָאר, זֵיי זֶענֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, נָאר זֵיי זָאלְן נֶעמֶען שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן אַרוֹיסְגֵיין קֶעגְן דִי צֶעוִוילְדֶעוֶועטֶע גוֹיִם. דִי אִידְן הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן וֶוען דִי גוֹיִם הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דִי אִידְן קוּמֶען קֶעגְן זֵיי מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס, הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זֶענֶען זִיךְ צֶעגַאנְגֶען. דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין נַאטִירְלִיכֶע זַאךְ, וַוייל סְ'אִיז קוֹים גֶעוֶוען גֶעצֵיילְטֶע אִידְן מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס קֶעגְן פִּילֶע גוֹיִם מִיט הֶעק.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר דִי מֵיידְל, דֶער רֶבִּי הָאט אִיר מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען מִיט עֶפֶּעס אַ פָּשׁוּטֶער בָּחוּר, אַן אָרְטִיגֶער שׁוּסְטֶער פוּן דֶעם דָארְף, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט דֶעם בָּחוּר אוּן גֶעזָאגְט, "דוּ זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז וֶוען סְ'וֶועט זִיךְ מַאכְן אַמָאל אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִיר, זָאלְסְטוּ אִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען אוּן אִיר פַארְשֶׁעמֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה אַז זִי הָאט אַמָאל זִיךְ גֶעוָואלְט שְׁמַד'ן. אוֹיבּ וֶועסְטוּ אַזוֹי טוּן, זָאג אִיךְ דִיר צוּ אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן מִיר אִיר גוּטֶע וואוֹילֶע קִינְדֶער".



ברית ביי מוהרא"ש זי"ע

דֶער חָתָן הָאט זִיךְ דָאס טַאקֶע פָארְגֶענוּמֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן טַאקֶע גֶעהַאט שְׁפֶּעטֶער גָאר וואוֹילֶע קִינְדֶער, וָואס זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטִיגְן צוּ וֶוערְן רַבָּנִים, לוֹמְדִים, אוּן גְרוֹיסֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען נָאךְ מֶער בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן, אַסַאךְ אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶוען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַסַאךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִּיק"**

# שטיינער פליען



ישראל דוד העסקעל

אין א הייסן פרייטאג צונאכטס שפאצירן מיר אפאר אינגעליט צו א שלום זכור פון א חבר. אינמיטן וועג זאגט מיר איינער "דו ווייסט דיין ראש ישיבה מוז זיין גאר א קלוגער איד!"

פארוואס?

" ווייל איך האלט אז איך בין גאנץ א קלוגער מענטש און זייער אסאך זאכן אין מיין לעבן האב איך אליין אויסגעפיגערט אבער זייט דו האסט מיך אנגעהויבן שיקן יעדן טאג די חיזוק פון דיין ראש ישיבה האב איך איינגעזען אז וואס ווייס איך בכלל פון מיין לעבן צו זאגן... יעדע טאפיק יעדע נושא איז אזוי שיין און קלאר די גאנצע לעבן שטימט, איך זאג דיר, די דרשות איז מיר ממש מחי'! איך און מיין ווייב ווארטן אויף דעם יעדן טאג, עס קלארט אונז אויס יעדע זאך אין לעבן!"

פארגאנגענעם יום טוב שבועות ווען איך בין געווען אין אמעריקע בין איך געגאנגען באזוכן ביי אסאך משפחה מיטגלידער פאר און נאך יום טוב. ביי איינער פון די פלעצער וואו איך בין געווען האט יענער אונז אנגעהויבן זאגן אז ס'איז דא עפעס א נייע רביצין און זי נעמט איין די וועלט! און ער לייגט צו "איך זאג דיר, משפחה נאך משפחה ווערן אויפגעראכטן!" זי האט א מעטאד וואס ארבעט אז מ'טרייבט ארויס פון זיך די נעגעטיוועטי און נאכדעם איז דא סעלף הילינג, בייגעלייגט מיט הערליכע שיינע שיעורים.



און דו ווייסט וואס - ס'איז אפילו נישט טייער! פינף הונדערט דאלאר פאר די ערשטע פאר שיעורים, און נאכדעם איז דא פאללאו אפ קורסעס. יעדע שיעור הייבט זיך אן ווי איינער קומט ארויף און פארציילט ווי אזוי די שיעורים האבן געטוישט זייער לעבן!

איך זאג דיר מענטשן וואס האבן אביוסיוו רילעישנשיפס לערנט זיך אויס ווי אזוי צו דילען מיט דעם און זי ווייסט שוין ווער ס'דארף זיך צוטיילן... מוזט עס טרייען איך זאג ענק מיין גאנצע לעבן האט זיך געטוישט! זי ווייסט אלעס און זי פארשטייט צו נפשיות'דיגע פראבלעמען, זי לערנט אויס ווי אזוי צו



קענען לעבן אין יעדער מצב!

ס'גייט נישט אין איין טאג, ס'דא סטעפּס... דאס איז עס... איך האב שוין נישט געקענט מער זיך איינהאלטן פון לאכן, איך האב אויסגעפּלאצט אין אזא טיפע געלעכטער... אוי באשעפער...
ער גיט מיר אזא קוק אן ווי איך בין אראפּגעפאלן פון די לבנה...
וואס איז פּאני? ניין גארנישט, איך האב מיך דערמאנט פון עפּעס א דשאוק... רעד ווייטער לאמיר הערן... און ער הייבט אן ווייטער רעדן "איך זאג ענק הלוואי איך קען קאנווינסן נאך אפּאר מענטשן צו אנהייבן הערן די געוואלדיגע שיעורים!"

און דא האב איך געכאפּט א ציפּ!

הפצה!!!!!

איך האב זיי שיינערהייט פּרובירט מסביר צו זיין אז מיר האבן א מורה דרך, שכח אייבערשטער! ס'פעלט מיר גארנישט ברוך השם, מיר ברויכן נישט קיין מעטעדס און קיין סטעפּס, און זיכער נישט פאר געלט... דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס אז ווער ס'נעמט געלט פאר שלום בית און פאר כלומר'שט העלפן אנדערע - איז א פארברעכער!

****

ס'איז שוין כמעט בין הזמנים אבער פאר די פינף שיעור ז' בחורים פילט זיך שוין ווי פיר וואכן נאך סוף זמן... וואס טוט מען? מ'האט זיך שוין געדרייט און געדרייט און געדרייט א גאנצע זמן אין ישיבה מ'פּלאצט שוין, מיר דארפן זיך גיין פעסט אויסלופטערן מיר ברויכן א וואקאציע!

לאמיר פארן אויף ארץ ישראל, מ'גייט גיין אביסל מתפלל זיין ביי קברי צדיקים, מיר האבן דארט אלע אסאך חברים, מ'וועט זיי גיין באזוכן, מ'גייט זיך גוט אויסטשוכען נאך דעם לאנגן זמן, אונז דערזערוון עס.

די עלטערן קענען גאנץ גוט באשטיין צו האבן א ברעיק פון זייערע אויסגעוואקסענע בחורים, זיי לאזן גערן די בחורים פארן. פינף חברה זענען זיי געווען אלע צוזאמען, זיי לאזן זיך ארויס אויפן וועג קיין ארץ ישראל.

זיי האבן באשטעלט א קאר אין עירפּארט ביי איינע פון די רענטל'ס, איינער פון זיי האט געהאט לייסענס, זיי קומען אן אין עירפּארט אין ארץ ישראל זיי יאגן זיך שנעל צום רענטל מ'גייט נעמען א קאר מ'גייט מאכן א לעבן!

גאנץ א קליינע קארעלע האבן זיי באקומען אבער נאכן איבער פּאקן צוויי מאל די קאר האבן זיי מצליח געווען אז אלעס זאל קענען אריינפּיטן, און ויסעו זיי לאזן זיך אין וועג אריין קיין ירושלים.

דער וואס זיצט נעבן דעם דרייווער פּרובירט אויסצופיגערן וואו אין די קאר סיסטעם איז די דשי פּי עס אבער אן ערפאלג ער קען עס בשום אופן נישט טרעפן. ער קוועטשט נאכאמאל אלע קנעפּלעך, ער דרייט יעדער הענטל אבער קיין דשי פּי עס איז נישט דא צום געפינען.

דער דרייווער זאגט זיי מיט א רואיגע שטימע "חברה האט'ס נישט מורא, איך בין שוין עטליכע מאל געווען אין ארץ ישראל איך קען זיך גוט אויס איך קען די וועג כמעט פון אויסנווייניג!"

אנגעצויגענהייט בלית ברירה זאגן זיי "פיין, מיר האפן אז ס'איז טאקע ווי אזוי דו זאגסט... ווייל דו ווייסט דאך דא אין ארץ ישראל וויפיל מעשיות מ'הערט לא עלינו געב אכטונג אז אונז זאלן נישט ווערן די נעקסטע סטאטיסטיק."





נאאא עטס זענטס סתם אנגעצויגן ס'איז א גראדע וועג יעדער קען עס אליין פארן, הונדערטער טויזנטער קארס פארן דעם וועג יעדן טאג, האט'ס נישט מורא עטץ זענט'ס אין גוטע הענט איך זאג ענק באמת, נישט דא וואס צו דאגה'נען באלד זעמיר שוין אין ירושלים און דעמאלט וועט עטץ לאכן אז ענק זענען סתם געווען נערוועז פאר גארנישט.

אזוי פארן זיי צוואנציג מינוט א האלבע שעה און די בחורים זעהן טאקע אז די וועג פארט זיך אזוי שיין און רואיג אלעס גייט געשמירט די נערוון בארואיגן זיך שוין אפשר טאקע זענען די אלע מעשיות וואס מ'הערט נאר פון אויבער חכמים. מסתמא זענען יענע מענטשן אריין אין די אראבישע דערפער און זיך גערייצט מיט זיי, נישט קיין וואונדער אז ס'איז געפלויגן שטיינער, אבער מיר באדערן נישט קיינעם, מיר האבן נישט קיין שלעכטע מאטיוון, מיר דרייען זיך נישט ביי די פלעצער ווי זיי וואוינען, פארוואס זאלן מיר זיין נערוועז? נישט דא קיין שום סיבה פארוואס די אראבער זאלן זיך מיט אונז אנהייבן!



באָאָם! די קאר געבט א טרייסל זיי הערן א זעץ! וואסיגעשען??? שרייען אלע אויס איניינעם נאך פאר זיי קענען בכלל כאפן וואס האט דא מיט זיי פאסירט!

איך ווייס נישט! דער דרייווער הייבט אן ארויסשטאטערן א תשובה, איך איך מממיין אז אז עם עם... די חברה האבן שוין נישט געדארפט ווארטן פאר קיין תשובה פון אים צו וויסן וואס דא גייט פאר... פלוצלינג הייבט אן קומען צו פליען ריזיגע שטיינער איינס נאכן צווייטן און נאך פאר די בחורים קענען זיך בכלל אריענטירן זעהן זיי שוין מחנות צולאזטע אויפגעהעצטע ווילדע אראבישע אינגאטשעס קומען צו לויפן אין זייערע ריכטונג!

איין בחור האט אנגעהויבן שרייען שמע ישראל, א צווייטער וואס האט געטראכט שנעל ער האט געעפנט די אונטערשטע טיר און האט געהייסן אלע בחורים ארויסלויפן, די בחורים האבן זיך שנעל ארויסגעגליטשט פון די קאר זיי האבן דארט געטראפן א פלאץ זיך צו באהאלטן פון ווי זיי האבן גערופן די פאליציי און ממש מיט ניסי ניסים זענען זיי ארויס מיטן לעבן.

און די קאר? די ווילדע צולאזטע אראבער האבן אונטערגעצונדן דעם קאר און ס'האט אפגעפלאקערט מיט אלע זייערע זאכן, די היטן די בעקיטשעס, אלע וועש, אלע זייערע זאכן אלעס איז ארויף אין פלאמען זיי זענען ארויס קוים מיט די נשמה אין די הענט!

אזוי קוקט עס אויס ווען מ'פארט אין לעבן אן קיין וועג ווייזער, אן קיין מורה דרך מ'ווייסט אלעס אליין... א מענטש קען דאך אזוי אנקומען אויף די ערגסטע פלעצער ה' ירחם, מ'מיינט מ'ווייסט אלעס אליינס ווען פלוצלינג קומט ריזיגע שטיינער צו פליען, גאנצע שטיבער וואס קוקט אויס ווי ס'פארט געשמאק, אונז האבן עס אליינס אויסגעפיגערט... גייען פלוצלינג ארויף אין העלישע פלאמען ה' ירחם!

אפגעהיטן זאל מען ווערן פון אלע דרייווערס וואס זאגן זיי קענען די וועג... פון אלע העלפערס וואס געבן שיעורים פאר פינף הונדערט דאלאר... פון אלע שלום בית מאכערס וואס זענען גרושים... פון אלע מעטאדעס פון מענטשן וואס קענען זיך אליינס נישט העלפן... פון אלע פראגרעמס און סטעפס...

שכח אייבערשטער אז מיר האבן א מורה דרך וואס ווייזט אונז א קלארע וועג מיט זיסע געשמאקע עצות פארן לעבן אז מיר זאלן נישט דארפן פארברענט ווערן!

# קלאסיפייד

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM







## PLUMBING SERVICE

For all your plumbing needs
Specializing in:
New construction• camps and country's
• booster pumps • waterworks and more

Call LAZER MAINTENANCE
**917-202-1206**

בס"ד

## KB BUSINESS SOLUTIONS

BOOKKEEPING SERVICES

Kbbsbookeeping@gmail.com
1-845-293-7667

**Did you open a new business?**
**Is your business not running properly?**
**Do it the RIGHT way!**

- QuickBooks Setup
- Account Receivable
- Accounts Payable
- Sales Tax
- Daily Cash Management
- Collections

## דירות אין שטעטל פאר א קורצע צייט

יואל וועבערמאן – 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566
ראובן בירנבוים – 347-549-5625
מנחם שטיינבערג – 347-461-2244
גרעסערע דירה – 845-637-5367

קהל היכל הקודש
קרית ברסלב

# שטאטישע פראגראמען

מיר ווילן בעטן אלע משפחות אין שטעטל וואס נעמען שטאטישע פראגראמען, אז עס איז זייער וויכטיג מען זאל איבערגיין מיט אונזער חבר הנהלה ר' מרדכי אהרן נ"י פארן ארייננשיקן די פאפירן צו די שטאט, (אפילו איר שפירט אז איר ווייסט פונקטליך וואס צו שרייבן) כדי צו פארמיידן פראבלעמען וואס האט זיך שוין ליידער געמאכט אינעם עבר.

לעצטענס הערט מען גאר אסאך מעשיות פון מענטשן אין ליבערטי וואס ווערן ארעסטירט צוליב דעם וואס זיי האבן גענומען שטאטישע פראגראמען אויף די נישט ריכטיגע וועג, (זעהט אויף דעם קומענדיגן עמוד די פונקטליכע דעטאלן פון די ארעסטירטע) צוליב דעם איז זייער וויכטיג איבערצוגיין פאר מען שיקט ארויס די פאפירן צו די באאמטע.

פאר אלע שאלות וואס מאכט זיך נאר, קענט איר שטענדיג זיך מעלדן צו ר' מרדכי אהרן נ"י.

**Liberty, NY - The Sullivan County Welfare Fraud Task Force has made the following arrests:**

April 21, 2023 – **Randalpho Simms**, 47, and **Trudy Mack-Simms**, 41, of Eldred, were arrested and charged with acting in concert together to commit Welfare Fraud in the 3rd Degree, a Class D felony, and Offering a False Instrument for Filing in the 1st Degree, a Class E felony. It is alleged that Mack-Simms and Simms filed a false Home Energy Assistance Program (HEAP) application on August 25, 2021 and a false periodic update report on September 8, 2021. It is also alleged that during this time Mack-Simms failed to disclose income from employment in Ulster County. The fraudulent documents and the unreported income resulted in Mack-Simms and Simms receiving an overpayment of SNAP benefits in the amount of $4,285. Both parties were processed and arraigned in the Town of Liberty Court and released on their own recognizance, to return to the Town of Liberty Court at a later date.

May 6, 2023 – **Ronika Alston**, 28, of Monticello, was arrested and charged with Grand Larceny in the 4th Degree, a Class E felony. It is alleged that Alston stole $2,492 in SNAP benefits from the Sullivan County Department of Social Services by failing to disclose that she was employed from September 16, 2022 through February 28, 2023. Alston was processed and released on an appearance ticket to return to the Town of Liberty Court at a later date.

May 9, 2023 – **Elizabeth Newell**, 25, of Loch Sheldrake, was arrested and charged with Welfare Fraud in the 4th Degree, Offering a False Instrument for Filing in the 1st Degree and Grand Larceny in the 4th Degree, all Class E felonies. It is alleged that between January 3, 2020 and October 31, 2020, Newell was in receipt of SNAP Benefits while failing to disclose household income from other family members. This unreported income resulted in an overpayment in the amount of $1,877. Newell was processed and released on an appearance ticket to return to the Town of Liberty Court at a later date.



## א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## חלק ב' - פרשת במדבר - תשפ"ג

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה גערופן די בעיבי יחזקאל, אבער ער האט נישט געוואלט קומען, ער האט געשריגן ניין! ניין! דאדא!

ס'איז מיך געווען זייער אינטערעסאנט צו זען וואס דער ראש ישיבה האט יעצט געטון, דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען פאר יחזקאל די ניגון, 'אז א טאטע זאגט ניין איז...' און פארשטייט זיך אז יחזקאל האט געזאגט ניין, ניין, ניין! האט דער ראש ישיבה אויסגעשריגן זייער גוט!! און דער ראש ישיבה האט ווייטער געזינגען 'אז א מאמע זאגט ניין איז... ניין!' ניין! האט יחזקאל ווייטער געזאגט ברוגז'דיגערהייט. זייער גוט!! האט דער ראש ישיבה געזאגט. אזוי האט דער ראש ישיבה געזינגען מיט אים אסאך מאל. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז ס'איז א גוטע טריק פאר ווען א קינד וויל נאר זאגן ניין...

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער האט נאך א טריק, ווען א קינד שטעקט ארויס זיין צונג זאגט מען אים wow, האסט אזא שיינע צונג! און ער שעמט זיך און ער לייגט עס שנעל צוריק אריין...

שפעטער האט דער ראש ישיבה אויך גערעדט פון דעם אז מען דארף זייער אכטונג געבן צו וועלכע בעיביסיטער מען שיקט די קינדער.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די וואך האט יחזקאל געהאלפן זאגן 'פסח' ביים צוגרייטן די לעכט. דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז מען בלאזט נישט אויף קיין לעכט ווייל ס'שטייט אז ס'איז א סכנה צו אויסבלאזן לעכט.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינע פון די געסט, ווי אזוי לעשסטו אויס די לעכט ווען דו ברענסט עס אפ ערב שבת? האט ער געזאגט אז ער לעשט עס אויס מיט די הענט. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ס'איז אויך גוט, אדער זאגט מען א ווארט אזוי ווי פסח אדער פורים, וואס בלאזט לופט, און אזוי לעשט זיך אויס די לעכט.

שפעטער האט דער ראש ישיבה פארגעליינט די מעשיות פון תפילה צעטלעך וואס די קינדער ברענגען אהיים פון חדר און פון סקול און ס'איז געשטאנען דארט אז דער ראש ישיבה'ס טאכטער האט געבעטן דעם אייבערשטן אז זיי זאלן שוין ווייטער לערנען גמטרי'.

דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט פון דעם אז מען לערנט גמטרי' מיט די מיידלעך, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז א שאד אז די אינגלעך לערנען עס נישט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אמאל איז געווען א איד פון ארץ ישראל וואס האט געהייסן ר' דן און ער פלעגט יעדע יאר קומען קיין אמעריקע נאך געלט פאר זיין כולל, און מענטשן פלעגן אים געבן אסאך געלט. איינמאל איז איינער פון זיינע שטיצערס געווען אין ארץ ישראל און ער זעט אז ס'הייבט זיך נישט ס'לאזט זיך נישט אויס, ס'איז נישט דא אזא כולל. איז ער געגאנגען צו ר' דן און ער זאגט אים דו ווייסט אז דן איז בגמטרי' גנב? זאגט ער אים אז ס'שטימט נישט, דן איז 54 און גנב איז 55? זאגט ער יא, דן מיט די כולל איז בגמטרי' גנב...

ביי די מעשיות פון תפילה פון די אינגלעך איז געווען איין אינגל וואס האט געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל שוין אנהייבן לערנען די אקדמות, האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן צו זינגען די ניגון פון אקדמות מילין... דער ראש ישיבה האט עס געזינגען מיט אזא בענקשאפט אז די הארץ האט געקענט צוגיין, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס איז די זעלבע ניסוח פון די יום טוב'דיגע קידוש.

דער ראש ישיבה האט נאכדעם געזאגט אז דער רבי זאגט אז מען דארף דאנקען דעם אייבערשטן פאר די ניגון פון אקדמות, ס'איז א שיר של חשק. ס'ברענגט א בענקשאפט, מען הייבט אן בענקען צום אייבערשטן.

דערנאך האט מען נאך אביסל

געשמועסט, און איינער פון די געסט האט פארציילט פאר דער ראש ישיבה אז ווען ער רופט זיין מאמע האט ער נישט וואס צו שמועסן מיט איר, זי פרעגט אים וואס מאכסטו? ברוך השם. אלעס איז פיין? יא, ברוך השם. אלע ענטפערס זענען ברוך השם, ברוך השם, און נאך איין מינוט לייגט מען אראפ די טעלעפאון, א גוטע נאכט.

האט דער ראש ישיבה אים פארציילט אז ווען ער איז געווען א אינגל אין קעמפ פלעגט ער רופן זיין מאמע האט זי אלץ געזוכט ווי אזוי צו מאכן א שמועס מיט מיך, זי האט מיך געפרעגט וואס האסטו געגעסן נעכטן פאר סאפער? האב איך געענטפערט גארנישט. יא, אבער וואס איז געווען פאר סאפער? האב איך געזאגט וואס איך געווען. האסט גענוג וועש? און וואס איז די וועטער דארט? ס'רעגנט? ס'איז הייס? אזוי האט זי געמאכט א גאנצע שמועס מיט מיך, און ווען איך האב אראפגעלייגט האב איך געזען אז ס'איז שוין אריבער א האלבע שעה.

האט אים דער ראש ישיבה געזאגט אז פאר ער רופט זיין מאמע זאל ער זיך צוגרייטן עפעס צו פארציילן און צו פרעגן, און אזוי ווערט שוין א שמועס.

דערנאך האט דער ראש ישיבה צוריקגערופן די קינדער וואס זענען אינצווישן געגאנגען שפילן צו קומען צום טיש צו זינגען זמירות, מען האט געזינגען און נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן צו שמועסן מיט די קינדער און זיי פארציילן וואס די דייטשע רשעים האבן געטון צו אונזערע זיידעס און באבעס.

דער ראש ישיבה האט פארציילט ווי אזוי זיי זענען אריינגעקומען אין א שטאט און אויסגערופן אז אלע אידן מוזן קומען צו די צענטער פון שטאט, און מען גייט אוועקפארן ווייט צו עפעס א גוטע פלאץ. און זיי האבן געזאגט אז יעדער זאל מיטנעמען נאר די טייערע זאכן, די געלט, די צירונגען, די זילבער... און ווער ס'וועט נישט קומען גייט מען הרג'ענען.

זיי זענען ארומגעגאנגען און געזוכט ווי ס'איז דא אידן און יעדעם

> נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן צו שמועסן מיט די קינדער און זיי פארציילן וואס די דייטשע רשעים האבן געטון צו אונזערע זיידעס און באבעס.

צאמגענומען אין צענטער פון שטאט ווי מען האט זיי ארויפגעלייגט אויף א באן. אבער נישט א געהעריגע באן, נאר א באן וואס איז געמאכט צו טראגן בהמות... דארט האט מען אריינגעשטופט און איבערגעפילט יעדע וואגאן מיט אידן און אזוי זענען זיי געפארן פאר אפאר טעג אן קיין עסן, טרינקען, בית הכסא, פאר די דייטשן איז גארנישט אנגעגאנגען.

ביז מען איז אנגעקומען צו אוישוויץ, דארט האט מען יעדעם ארויסגענומען פון די וואגאנען און געהייסן יעדער זאל שטיין אין א שורה און דער רשע מענגעלע ימח שמו האט געוויזן מיט זיין פינגער רעכטס אדער לינקס. די דייטשן האבן זיך געמאכט א חשבון אז די מענטשן פון צוואנציג ביז פופציג זעכציג יאר קענען זיי נוצן צו ארבעטן פאר די מלחמה, איז ווער ס'איז געווען די עידש האבן זיי געשיקט רעכטס צו ארבעטן שווער און אלע אנדערע האט מען געשיקט לינקס צו ווערן גע'הרג'ט. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז די מענטשן האבן דאס נישט געוויסט, און אז זיי האבן געזען אז די באבע און זיידע גייען לינקס זענען זיי אויך אהינגעגאנגען און געהרג'ט געווארן.

דער ראש ישיבה האט ווייטער פארציילט אז אין אנהייב פלעגט מען פלעין הרג'ענען די אידן און מען האט גענומען אנדערע אידן זאלן זיי באגראבן. אבער נאכדעם האבן זיי געזען אז ס'איז צו שווער אזוי, ס'איז דא צו סאך מתים אז מען קען נישט אנקומען זיי צו באערדיגן אפילו מען זאל גראבן א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט, האבן זיי געמאכט א סיסטעם ווי אזוי ס'זאל ארבעטן.

זיי האבן גענומען אלע מענטשן וואס זענען אנגעקומען און מען האט זיי געזאגט אז מען גייט זיך אפבאדן, ווייל אידן זענען זייער שמוציג. מען האט זיי אריינגעטראגן אין א שטוב, עקסטער מענער און עקסטער פרויען ווי מען האט געהייסן יעדעם זיך אויסטון די קליידער און זיי האבן געגעבן פאר יעדעם א שטיקל זייף אין די הענט אז די אידן זאלן מיינען אז מען גייט עכט גיין זיך אפזייפן, און אזוי אן די קליידער האט מען זיי געהייסן גיין אויפן גאס.

מען האט אריינטראגן אלע אידן אין א גרויסע שטוב ווי זיי האבן

<<<<

געהאט א קליינע פענסטער פון אויבן צו קענען אריינקוקן, מען האט צוגעשפארט די טיר מיט א גרויסע שלאס, זיי האבן אנגעצינדן די געז און פלוצלינג האבן אלע געפילט ווי

**די דייטשן - זיי האבן אויפגעמאכט די זאך פון שמירן די נעגל, פון גיין אויסגעשניטן די האלז, און פון גיין מיט א שיינע טשופ.**

**זאלסטו זיי נישט נאכמאכן!**

**דייטשע וועלף!!**

זיי קענען נישט אטעמען, מען ווערט דערשטיקט, און אזוי זענען זיי אלע גע'הרג'ט געווארן. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז זיין באבע רחל לאה האט געארבעט דארט אינדרויסן ביי די טויטע מענטשן און זי האט געהערט ווי די אידן שרייען קולות שמע ישראל!!

אינמיטן האט זיך איינע פון די קינדער אנגערופן, טאטי פארצייל מער נישט, איך האב מורא אז איך וועל נישט קענען איינשלאפן ביינאכט. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען דארף נישט מורא האבן, דער אייבערשטער וואטשט אונז, אבער איך וויל דיך פארציילן אז דו זאלסט וויסן וואס די גוים זענען, דו זאלסט וויסן וואס א גוי טוט.

דער ראש ישיבה האט ווייטער פארציילט אז נאכדעם האט מען ארויסגעשלעפט אלע טויטע אידן אינדרויסן און מען האט גערופן אידן זאלן זיי אריינלייגן אין גרויסע וועגענער און שלעפן צו די קרעמעטאריום ווי מען האט זיי פארברענט, און פון די אש האט מען געמאכט זייף און אנדערע דייטשע פראדוקטן.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין טאכטער, דו זאלסט קיינמאל נישט שמירן דיין נעגל! און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין זון, און דו זאלסט זיך נישט מאכן קיין טשופ!

"אבער טאטי, וואס האט די מעשה פון די מלחמה מיט דאס אז מען טאר נישט שמירן די נעגל?" האט דער ראש ישיבה'ס טאכטער געפרעגט. האט דער ראש ישיבה איר געזאגט ווייל די דייטשן - זיי האבן אויפגעמאכט די זאך פון שמירן די נעגל, זיי האבן אויפגעמאכט די זאך פון גיין אויסגעשניטן די האלז, זיי האבן געמאכט די זאך פון גיין מיט א שיינע טשופ, זאלסטו זיי נישט נאכמאכן! דייטשע וועלף!! האט דער ראש ישיבה געשריגן.

שפעטער האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די גרויסקייט פון אונזערע זיידעס און באבעס אז נאך די מלחמה זענען זיי געבליבן ערליכע אידן און נישט געהאט קיין קשיות אויפן אייבערשטן, און זיי האבן אנגעפאנגען פונדאסניי בויען א משפחה. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז זיין זיידע האט געהאט פאר די מלחמה א ווייב מיט צען קינדער, און זיי אלע זענען גע'הרג'ט געווארן ביי די מלחמה. איז ער געגאנגען נאך די מלחמה און נאכאמאל חתונה געהאט אויפגעשטעלט נאך צען קינדער. דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט, אונז אז ס'פעלט אונז אביסל מילך פאר די קאווע דאווענט מען שוין נישט, און נישט נאר אביסל מילך, נאר אביסל רויטע מילך... אז ער האט נאר בלויע מילך טראכט ער שוין וואס איז דער אייבערשטער ברוגז אויף מיך... אבער אונזערע זיידעס און באבעס האבן אלעס פארלוירן און נאך אלס זענען זיי געבליבן געטריי צום אייבערשטן, נישט געהאט קיין קשיות אויפן אייבערשטן.

שפעטער האט דער ראש ישיבה אויך פארציילט די מעשה אז ווען דער הייליגער סאטמארער רבי זכותו יגן עלינו האט געוואלט אוועקפארן פון ארץ ישראל און קומען קיין אמעריקע האט רבי אשר זעליג מרגליות זכרונו לברכה געפרעגט דעם רבי'ן וואס וועלן מיר טון ווען מיר וועלן דארפן א ישועה, פון וועמען וועלן מיר קענען בעטן א ברכה?

האט זיי דער סאטמארע רבי געענטפערט ווען ענק וועלן זען אין שול ווי א איד ציט ארויף זיין ארבל צו לייגן תפילין און ער האט א נומער אריינגעקריצט פון די דייטשן, דער איד קען געבן א ברכה. ווייל א איד וואס איז געווען אין לאגער און מען האט אים געפייניגט און ער קומט נאך אלס אין שול דאווענען און אנטון תפילין, ער האט נישט קיין קשיות אויפן

אייבערשטן ער קען געבן ברכות.

דער ראש ישיבה'ס טאכטער האט זיך אנגערופן אז די טיטשער וואס פארציילט מעשיות ביי לאנטש האט פונקט די וואך פארציילט די מעשה, האט דער ראש ישיבה איר געזאגט: "זאג איר אז זי זאל עס פארציילן נאכאמאל און נאכאמאל! די מעשיות דארף מען פארציילן פאר די קינדער".

איינער פון די קינדער האבן געפרעגט אויב ווען די אידן וועלן אויפשטיין צו תחיית המתים אויב זיי וועלן נאך אלס האבן די נומער איינגעקריצט, האט דער ראש ישיבה געזאגט אוודאי, דאס וועט זיין די שענסטע זאך.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער אז ס'איז נישט נאר געווען די דייטשן, נאר אלע גוים האבן געהאלפן און גע'הרג'ט אידן, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר די קינדער אז ווי מען גייט אין אייראפע איז די ערד דורכגעווייקט מיט בלוט, ס'איז רויט און דורכגעווייקט מיט בלוט פון אלע אידן וואס מען האט דארט גע'הרג'ט.

דערנאך האט מען ווייטער געזינגען זמירות, און נאכדעם האט מען געשמועסט וועגן אומאן, אז נאך אביסל פארט מען שוין צום הייליגן רבין.

די קינדער האבן פארציילט מעשיות וואס זיי געדענקען פון לעצטע יאר אין אומאן, ווי איינער פון די באנק-בעטן איז צאמגעפאלן, און ווי ס'איז גערינען פון די דאך קאווע, האט דער ראש ישיבה זיי געזאגט ענק מיינען אז ס'איז געווען קאווע? ס'איז געווען אפפאל וואסער... איך האב ענק דעמאלטס געזאגט אז ס'איז קאווע...

דער ראש ישיבה האט געזאגט, מענטשן מיינען דער ראש ישיבה האט זיך א עקסטערע שטוב, געשמאק, פריוואט... ס'איז גארנישט קיין גליקן, ס'רינט פון די דאך סוער וואסער, די בעטן פאלן צוזאם, ס'פאלט שטיקער פון דאך...

די קינדער האבן פארציילט אינטערעסאנטע זאכן וואס זיי געדענקען פון די גוים וואס האבן דארט געארבעט, זיי האבן גערעדט אז דער גוי האט אזוי געטון, און יענער גוי האט אזוי געטון, און א אנדערע גוי וואס האט געוואלט העלפן א אינגל וואס האט זיך אויסגעגליטשט... האט דער ראש ישיבה זיי געזאגט איך וויל נישט רעדן פון קיין גוים, איך עקל מיך פון גוים.

א לאנגע צייט האט דער ראש ישיבה אויסגעהערט זייערע מעשיות און אפאר מאל אינמיטן האט דער ראש ישיבה זיי געפרעגט, נאר פאר דעם קומען ענק אויף אומאן? פאר די פרייזעס און באבוטשקאס און פאן? מיר גייען קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון!

שפעטער האבן די קינדער אויך פארציילט מעשיות פון לעצטע יאר זומער, און ס'איז מיך געווען אינטערעסאנט צו באטראכטן ווי דער ראש ישיבה הערט אויס אלע זייערע קינדעריש מעשיות און עס זעט עכט אויס ווי פאר דער ראש ישיבה איז זייער אינטערעסאנט און וויכטיג יעצט צו הערן די מעשיות.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער ווער פון זיי ס'וויל גיין שלאפן די יאר אין קעמפ, אבער קיינער האט נישט געענטפערט אז זיי ווילן. האט דער ראש ישיבה געזאגט אונזערע קינדער שעמען זיך צו גיין אין קעמפ ווייל זיי זענען די איינציגסטע וואס גייען מיט נאכטהעמדער, אלע אנדערע קינדער גייען מיט פידשאמעס. אבער עכט דארף מען זיי אויסלאכן, די אלע קינדער וואס גייען מיט פידשאמעס. ס'איז אזוי פאני... א גרויסע אינגל גייט מיט פידשאמעס? הא, הא, הא, א טאטע מיט פידשאמעס... האט דער ראש ישיבה געלאכט.

שפעטער האט מען

**נאר פאר דעם קומען ענק אויף אומאן? פאר די פרייזעס און באבוטשקאס און פאן? מיר גייען קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון!**

אריינגעברענגט מים אחרונים און מען האט געבענטשט. שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט מיטהאלטן אזא הערליכע סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א פון וואס איך האב איך געלערנט אזויפיל שיינע וויכטיגע זאכן.

# ווער זענען זיי?

קענט איר אויסגעפונען
ווער, ווען און וואו איז די בילד?



תשובה פון די פריערדיגע וואך



שיעור פונעם ראש ישיבה פאר די בחורים, די ערשטע
יאר פון די ישיבה - ווינטער שנת תשס"ט

## שיקט אריין אייער ענטפער צו די רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם**
**אינעם קומענדיגן בלעטל**

פאר די
# ברסלב'ע שטוב

מ. פאפנהיים

# טאטע
## איך וויל רעדן צו דיר!

"א גוטן טאג צדיק! ווי אזוי איז געווען היינט אין חדר?"
אופס... וואו איז אונזער צדיק? נעבן די טיר ליגט זיין טעשל, דא איז איין שיך... דארט איז נאך א שיך... און איך הער א שאפע זיך פארקלאפן פון שטוב... "מאמי!!! וואו זענען מיינע קארטלעך??? אוי! שרה'לע האט געשפילט מיט מיין קארעלע ווען איך בין געווען אין חדר??? איך לאז נישט!!!!!". ביז אפאר מינוט הערט זיך געשרייען און געוויינען אין די גאנצע הויז.

איך לויף אריין צום שלאכט פעלד, שרה'לע ליגט אויפן פלאר און וויינט, פייגעלע לויפט אוועק, און די בעיבי קוקט זיך צו מיט גרויסע דערשראקענע אויגן... און נחמן נתן? ער שטייט נעבן די איבערגעדרייטע לעדלעך, רויט... פארשוויצט... הייס... "א גוטן טאג צדיק'ל!!! אזוי קומט מען אהיים פון חדר???"

ער פלאצט אויס... זיי שפילן מיט מיינע זאכן אן רשות... עס קען זיך צוברעכן... איך טרעף נישט מיינע קארטלעך...

<<<<<



# פאר די ברסלב'ע שטוב

איך וויל אויך אנהויבן וויינען צוזאמען מיט זיי, אזעלכע שיינע פלענער האב איך געבויעט אויפן היינטיגן נאכמיטאג, און עס איז נישטא מיט וועמען צוגיין צום טיש... מען וועט שוין זען וואס מען קען דא טון, לאמיר קודם איינשטילן דעם עולם...

איך רוף אויס הויעך: "אלע קומען אין קאך, מאמי גייט געבן פאר יעדן א... איך זאג נישט אויס..."

שרה'לע צושמייכלט זיך צווישן די טרערן "איך ווייס! א אייסעס! איך לייג א פינגער אויף מיין מויל, "ש... ש... זאג פאר קיינעם נישט אויס!" איך טייל אויס די גלעזלעך, ש... ש... אויך איינס פאר מיר... און מען קען יעצט זען וואס עס גייט פאר...

"הייליגער באשעפער! איך האב געהאט אזא שיינער פלאן, צו זיצן מיט די קינדער אין שטוב, און זיך ארויסגעבן מיט פארבן און פאפירן... אבער יעצט זעט מיר אויס אז נחמן נתן דארף זיך אויסטאנצן און אויסשפרינגען, וועט זיין בעסער צו ארויסגיין מיט זיי צום נאנטן פארק".

"קינדערלעך! היינט גייט מען גיין צום פארק!"

א מחי'! נחמן נתן הייבט אן צו שפרינגען און לויפן פון איין עק הויז צום צווייטן, ער ווייזט מיר ווי וויכטיג ער דארף עס. איך כאפ אים באצייטנ'ס פאר ער יאגט אן צו איבערקערן נאך אפאר זאכן. "ענק קענען ווארטן ביי די סטעפס, מאמי קומט שוין". זיי לויפן פרייליך ארויס, און איך פאק שנעל איין, ברויט, גרינצייג, יאגורט'ס, וואסער און פאפיר, אזוי וועלן די קינדער אפעסן און קענען גלייך גיין שלאפן. איך וואש אפ די בעיבי איך בינד אים איין אינעם קערידזש, און מיר גייען ארויס...

די קינדערלעך לויפן פריילעך פאראויס, און איך באמערק פונדערווייטנ'ס מיין חבר'טע פון יארן צוריק. וואו! איך האב איר שוין אזוי לאנג נישט געזען, איך באטראכט אירע קינדער, אנגעטון איידל, די סעט וואס איך האב געזען אין שוי פענסטער פאר א פרייז וואס האט מיר פארוואונדערט, איז דא מענטשן אויף די וועלט וואס וועלן צאלן אזוי טייער פאר א קליידעלע וואס גייט אין מיסט נאכן סעזאן? איך האב נישט געטראכט אז פונקט זי דארף עס... גוט, איך וועל איר קאמפלימענטירן אויף די קינדער.

אזוי גייענדיג וועבט זיך א שמועס אין מיינע מחשבות.

"אזעלכע זיסע קינדערלעך, אזוי שיין זענען זיי געוואקסן..." איך זע שוין איר ברייטע שמייכל, "יא. די צייט לויפט".

די חברה דארט זענען דיינע?

יא, ברוך השם, מתנות פון הימל.



זיי גייען צוקערט זיס אנגעטון, וואו



האסטו עס געטראפן?

וואו כ'האב עס געטראפן? האסט געהערט פון די באזאר וואס האט זיך דא געעפנט נישט לאנג צוריק?

וווואאאאאאססססססס? דארט האסטו איינגעקויפט.

וואס איז שלעכט? א מינוט צוריק זאגסטו מיר אז זיי זענען זייער זיס...

זי קומט שוין נענטער... איך האף עס וועט זיך פארדרייען א בעסערע שמועס... אופס... ס'איז בכלל נישט זי, איך האב אפילו נישט צו וועמען צו לאכן, ווי אזוי האב איך געטראכט אויף די פרוי אז עס איז מיין חבר'טע???

שוין... נישט געפערליך... מיר זענען שוין די קאלירטע גליטשער, די קינדער ווארטן אומגעדולדיג צו אריבערגיין די גאס, ענדליך איז גרין געווארן, און זיי לויפן פרייליך אריין אין פארק.

שרה'לע שטעלט זיך אין די רייע אויפן סווינג, פייגעלע לויפט צו די באנעלע, וואס שטייט דארט און רירט זיך נישט, זי נעמט זיך דרייען די רעדל, און פליט שוין וואו זי וויל... נחמן נתן שרייט מיר אראפ פון הויכן גליטשער, מאאאמי! קוק ווי הויך איך בין אנגעקומען! קוק ווי איך דראפע זיך און דערהאלט זיך... איך פאכע אים צוריק מיטן האנט און ער גליטשט זיך פרייליך אראפ...

אה, דארט איז דא א ליידיגע באנק. איך אטעם אביסל אפ. מיינע מחשבות וועבן זיך ווייטער אן אויפהער. יעצט האב איך אפאר מינוט קומט מיר אריין מחשבות וואס איז פארגעקומען נעכטן - בשעת מיין מאן איז אהיימגעקומען און די נאכטמאל איז נאכנישט געווען גרייט, צוליב וואס איך בין געווען פארנומען צו לייגן שלאפן די קינדער, און איך האב אים געזאגט אז ער קען נעמען סיי וואס ס'איז דא אין שטוב...

איך טראכט צו מיר, א נס מיין געלערנטע שווערין האט דאס נישט מיטגעהאלטן, זי וואלט מיר זיכער פארגעהאלטן, "היתכן???" דו זעסט נישט ווי פעשער דיין מאן (איר ברודער) איז געווארן? א ווייב דארף אכטונג געבן דער מאן זאל עסן גוט און געזונט, נישט סתם ליידיגע קאלאריעס וואס רייבן צו די גוטע וויטאמינען און לייגן זיך אן איבעראל...

איך וואלט זיכער געבליבן אין שאק פון איר שטרענגע באמערקונג, און גארנישט געענטפערט נאר געבליבן שטיל, זיכער האב איך אזויפיל וואס צו ענטפערן, אבער א נס מיר האבן א ראש ישיבה וואס לערנט אונז מען זאל נישט אריינגיין אין קיין וויכוחים מיט מענטשן, ווייל זי איז סייווי נישט אינטערעסירט צו הערן וואס דו האלטסט, זי וויל זיין גערעכט.

"מאמי! וואס איז דא צו עסן?" פייגעלע רייסט מיר אפ פון מיינע דמיונות. "אה, זייער גוט, קומט זיך דא וואשן די הענט". זיי זעצן זיך אוועק אויף די גראז און עסן מיט אפעטיט, און לאזן מיר ווייטער פארפליען אין מיינע מחשבות...

אזוי אינטערעסאנט! איך גיי אין גאס, איך טרעף מענטשן, און אין מיין מח גריס איך זיי שיין, זיי ענטפערן צוריק און איך פארפיר א גאנצע שמועס...

איך זיץ אין פארק, איך זע שוין פאר מיר א גאנצע מעשה מיט מיין שוועגערין...

אזוי פל מאל פיל איך אזוי איבערגעפילט, איך וויל אזוי שטארק

"מאמי! וואס איז דא צו עסן?" פייגעלע רייסט מיר אפ פון מיינע דמיונות. "אה, זייער גוט, קומט זיך דא וואשן די הענט". זיי זעצן זיך אוועק אויף די גראז און עסן מיט אפעטיט, און לאזן מיר ווייטער פארפליען אין מיינע מחשבות...

דורכשמועסן א ענין מיטן אייבערשטן אים דערציילן אלעס וואס דריקט מיר, און עס גייט נישט... איך זאג קוים ארויס טאטע... טאטע... באשעפער העלף... טאטע זיסער! איך וויל אזוי שטארק רעדן צו דיר! איך ווייס אז ווען איך וועל רעדן צו דיר, וועל איך ווערן געהאלפן מיט וואס איך דארף. איך וועל פילן בעסער, אלעס וועט ווערן אזוי זיס. און עס גייט מיר נישט... עס רעדט זיך נישט... אין דמיון פיר איך אזעלכע שיינע שמועסן מיט מענטשן, אבער טאטע זיסער! איך



וויל דאס אלעס ארויסרעדן צו דיר! איך ווייס אז דו וואוינסט אויף מיר, און דו ווילסט הערן וואס איך האב צו פארציילן פונקטליך יעדע פרט, העלף מיר איך זאל ארויסגיין פון עולם הדמיון, און אנהייבן צו ארויסזאגן אלע מיינע מחשבות פאר דיר הייליגער טאטע! העלף מיר באשעפער אז אויך ווען עס גייט מיר נישט, זאל איך פילן די שטארקע נחת רוח וואס דו האסט פון יעדע ווארט וואס איך זאג. איך זאל אלעמאל גלייבן אז דו הערסט מיר אויס, און דו האסט מיר ליב. העלף מיר איך זאל אלעמאל שרייען צו דיר, טאטע!

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

פרשת שלח

## חידות אפטיילונג

**דער רבי האט אמאל געזאגט: מען דארף דאנקען דעם צדיק רבי רפאל פון בערשיד זכותו יגן עלינו, אויף דעם וואס ער האט אריין געברענגט אין די וועלט**

א. דעם ריכטיגן ספר תהלים
ב. דעם יום תהלים
ג. א קאלטע קאפיטל תהלים
ד. א קאפיטל תהלים פול מיט דביקות

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער רבי האט געזאגט: ווען קעניגן און שרים וואלטן געוואוסט וואסערע דרך ארץ איך לערן אויס מיינע תלמידים, וואלטן זיי **געברענגט זייערע קינדער צו מיר**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**נחמן נתן שניטצלער נרו יאיר - וויליאמסבורג**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

## טרעף די ווערטער

**טייערער ... תלמיד מחנה היכל הקודש ברסלב**

**איך האב זייער הנאה צו הערן פון דיינע רבי'ס זייער גוטע גרוסן אויף דיר, דו** ביסט א קינד וואס פירט זיך מיט דרך ארץ, דו ביסט א חבר פאר יעדן איינעם, דו טוסט קיינמאל קיינעם נישט וויי.

טייערער ..., גיי ווייטער אויף די גוטע וועג און **אלעס וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן.** רעד צום אייבערשטן אויף דיין שפראך, אידיש - וועסטו ווערן א גרויסער צדיק. **פון דיין ראש ישיבה.**

(עצות אמונה פרשת שופטים תשפ"ב)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | ו | נ | ע | מ | ס | צ | ר | ג | י | ג | ע | ט | ו | ג |
| ר | צ | ו | ט | ד | ב | ע | נ | י | ל | ר | ר | ש | ר | ר |
| נ | ב | ש | י | ל | ט | ל | מ | י | ס | י | ח | ט | ע | ו |
| ס | י | מ | ס | י | כ | ע | א | א | ד | ס | ה | י | ד | י |
| נ | ל | ר | י | ה | נ | נ | ל | ו | כ | נ | מ | י | ו | ס |
| ת | ב | ו | מ | י | ע | ת | ח | א | י | ר | ע | ע | ו | ע |
| א | ו | נ | י | ש | ד | ו | ק | ה | מ | פ | נ | ר | ע | ר |
| א | ד | ק | ר | ל | צ | נ | א | ע | ז | נ | י | ע | ר | ד |
| ר | י | א | ט | ע | ד | נ | ז | י | ר | ד | י | ר | נ | ז |
| פ | י | ד | פ | ע | ה | ז | י | י | ע | י | א | י | ש | י |
| כ | נ | ש | י | ל | ס | ע | ל | א | י | נ | ק | צ | ק | ט |
| ד | א | צ | כ | ש | ר | א | ג | ו | ז | ע | י | צ | ר | ס |
| נ | י | י | ד | ב | פ | ט | ו | ד | י | ר | ר | י | ג | י |
| ד | ה | כ | י | י | י | ו | ט | ו | כ | ת | פ | ו | ד | ב |
| צ | ו | ד | ו | ב | ק | ס | ע | ו | ב | צ | ד | פ | ס | ר |
| ל | ג | א | ש | ד | ע | ט | ט | ד | ו | י | ב | ל | מ | א |
| י | ד | א | ר | פ | ס | ר | ס | מ | צ | ע | ס | ע | י | פ |
| ס | ש | כ | ג | ר | ר | ב | ש | ר | ח | ר | ס | ט | ט | ז |
| א | צ | י | ב | ע | ש | א | ר | ט | פ | נ | א | ט | ג | נ |
| ת | ו | ח | ב | נ | ו | ה | כ | ו | נ | כ | ה | מ | ו | ב |
| צ | מ | נ | פ | ה | ג | ו | נ | ז | א | ל | ס | ט | ו | ע |

# טרעף די וועג

כאפט אייך אריבער פון איין זייט קעסטל צום צווייטן



# שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילדער?




ענטפער פון פאריגע וואך

דער רבי האט געזאגט: "די וועלט זאגט אז סיפורי מעשיות איז גוט איינצושלאפן מיט דעם, אבער איך זאג אז סיפורי מעשיות וועקט אויף א מענטש פון שלאף!"

# לאמיר שפילן סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | | | | |
| | | 1 | 4 | | |
| | | | | | |
| | 6 | 4 | | 2 | 1 |
| | | | | 3 | |
| 5 | | 2 | | | 6 |

טרעף די חילוקים

## טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





אויפן בילד - דער ראש ישיבה ביים פארלערנען דעם דף גמרא אין קעמפ אויף די פרישעלופט - זומער תשע"ח

# עצת אמונה
בחינה

## פרשת שלח תשפ"ג

### פון אויבן אראפ

2. אידיש איז א _____ שפראך, איז כדאי צו רעדן אין שטוב אידיש
3. זאגט תהלים, אביסל איז אויך _____
4. נאר דער וואס _____ שפירט זיך גוט, שפירט א צופרידנקייט
5. _____ יעדן טאג דעם בלאט גמרא פונעם טאג
7. א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות'דיג, וועט זוכה זיין צו גוטע _____
9. עס איז אזוי געשמאק און אזוי שיין ווען מען די אויגן _____
11. ווען דו געבסט צדקה זאלסטו _____ די געלט גייערס
12. תהלים ברענגט נאנט צום _____
14. מיט אמונה האט מען שטארקע _____
17. _____ זיך איבער צום אייבערשטן וועסטו גלייך זען א ישועה

### פון רעכטס צו לינקס

1. נאר _____ מאכט פריילך און צופרידן
6. ווער עס לערנט און זאגט משניות ווערט געראטעוועט פון _____ _____
8. _____ נישט מיט דיין ווייב
10. דאנק און לויב דעם אייבערשטן, און דאס וועט ברענגען נאך און נאך _____
13. דער הייליגער רבי האט נישט געוואלט מיר _____ זאלן
15. עבודת החינוך איז די הייליגסטע זאך, די _____ זאך
16. נאר מיט _____ איז שייך צו לעבן א חיים טובים
18. אן אמונה איז זייער שווער דאס _____
19. בעט דעם אייבערשטן זאלסט קענען זיין ראש השנה ביים _____



# קליין און שיין



די טיטשער
רעדט פאר
שבועות די
גרויסקייט פון
זאגן תהילים



איך זעץ
מיך ארויס
אינדרויסן פון
שטוב זאגן
תהילים



שבח
אייבערשטער
איך האב זוכה
געווען צו מאכן
א סיום אויף
תהילים

רבקה וועבערמאן - קרית ברסלב




נחמן נתן בלום - קרית ברסלב



משפחת וועבערמאן - קרית ברסלב
געמאכט א מעלאנע קערידזש לכבוד א סיום



## שיקט אריין א בילד
## פון אייער קינד

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

רחל לאה וויינבערג תחי׳ - קרית ברסלב פֿארציילט:










רייזל וועבערמאן תחי׳ - קרית ברסלב פֿארציילט:









# בילדער
## אפטיילונג





קרעדיט: יואל הכהן

פארשריט ביי היכל ראזענבערג אין שטעטל


קרעדיט: יואל הכהן

פארשריט ביים נייעם וואכן בית המדרש אויף די בארדיטשוב גאס אין שטעטל


קרעדיט: שמעון עוזר פערל


קרעדיט: שמעון עוזר פערל

ישיבה קטנה היכל הקודש ירושלים באזוכט אין יבנאל ביים ציון מוהרא"ש זי"ע און ביי הרב יצחק לעסער שליט"א


קרעדיט: אליעזר שמן


קרעדיט: אברהם הערש

פארשריט ביים נייעם בית המדרש אין אילן החיים קאנטרי




**Vaad Hakashrus**
**Heichel Hakodesh Breslev**
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
1-917-379-5063

**וועד הכשרות**
**דקהל היכל הקודש ברסלב**
בנשיאות מרן הראש ישיבה שליט"א

בעזהשי"ת

באתי בזה להודיע בשער בת רבים
שהחנות הנקרא DELICIOUS FISH
אשר המה תחת הבעלות של ר' יצחק אהרן וויינבערג נ"י
הנמצא בחנות LEHONADE SUPERMARKET
עומד תחת השגחתינו, ופקיחתינו המעולה והמהודרה,
ההכשר תקף עד: ערב פסח תשפ"ד לפ"ק הבעל"ט
ועל זה באתי לחתום ט"ו סיון תשפ"ג לפ"ק
יונה צינגער - דומ"ץ קרית ברסלב ליבערטי נ.י. יצ"ו

THIS IS TO CERTIFY THAT 'DELICOUS FISH'
LOCATED AT THE 'LEHONADE SUPERMARKET'
IS UNDER OUR STRICT SUPERVISION.

**HASHGACHA VALID UNTIL EREV PESACH תשפ"ד לפ"ק הבעל"ט
ועל זה באתי לחתום ט"ו סיון תשפ"ג לפ"ק
יונה צינגער - דומ"ץ קרית ברסלב ליבערטי נ.י. יצ"ו

**ברסלב'ע הכשר פאר די פיש סטאר אין לעמאנעיד געשעפט**




**אפשערן פון בן מו"ה ברוך יאקאבאוויטש הי"ו - ליל ששי בהעלותך נאכן שיעור**




**חתונה פון תלמיד הישיבה מו"ה שמעי' וואקס הי"ו - ליל ששי בהעלותך**









**שבת התוועדות מיט א צאל בחורים וואס האבן אריינגעברענגט געלט פאר די ישיבה - שבת בהעלותך**





# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

mint COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.